STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01229

SHMUESEN VEGEN EKONOMYE

A. Bakh

*Permanent preservation of this book was made possible
by William & Gertrude Halpern*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. באך.

שמועסען וועגען עקאנאמיע

№ 6

3-טע אויפלאגע.

1920 תר"פ

קארמעליצקא 15.

A. BACH.

„SZMUESEN WEGEN EKONOMIE"
(„POGADANKI O EKONOMJI")

Wyd. „Arbeiterheim" („Strzecha Robotnicza") w Warszawie, Karmelicka 15.
Telefon № 256-46.

פרייז 6 מארק.

1920—תר"פ

פאַרלאַג „אַרבייטער-היים“, וואַרשע.

קאַרמעליצקע 15, טעלעפאָן 256-46.

1) „דער פאַלעסטינע-אַרב.-פאָנד“ (ערשטע בראָשור, פערטע אויפלאַגע), פון זרבבל און שלימאָוויטש. פרייז 1 מארק

2) „ארץ ישראל אַלס לאַנד פאַר יוד. קאָלאָניזאַציע“ מיט א מאַפּע פון ארץ-ישראל און די אַרומיגע לענדער, (דריטע אויפלאַגע פון י. בן-צבי (אבנר). פרייז 3 מארק

3) „דער פאַלעסט. אַרב. פאָנד“ (צווייטע בראָשור) פון י. בן-צבי (אבנר). פרייז 1 מ

4) „די יוד. קאָנגרעס-בעוועגונג אין אַמעריקע“ פון ל. כאַזאַנאָוויטש און ב. באָראָכאָוו. פרייז מארק

5) „די ערקלערונג פון דער דעלעגאַציע פון יודישען סאָצ. אַרב.-פאַרבאַנד („פועלי-ציון“) צום האָל.-סקאַנד. סאָצ. קאָמיטעט“ (צווייטע אויפלאַגע). פר. 1 מ.

6) „שמועסען וועגען עקאָנאָמיע“ פון א. באַך. (דריטע אויפלאַגע). פרייז 6 מארק

7) „וואָס איז אזוינס נאַצ. אויטאָנאָמיע“? פון ש. קאַפּלאַנסקי. פרייז 1.25 מ.

8) „די שול-פראַגע“ רעדעס פון דער י. ס. ד. א. פ. („פועלי-ציון“) ראַטמענער אין לאָדזער שטאָט-ראַט. (צווייטע אויפלאַגע). פרייז 2 מארק

9) „אויף דער שוועל“ זאַמעל-העפט פון צייט צו צייט, אַרויסגעגעבען דורך די בערלינער חברים. (דאָס ערשטע העפט). פרייז 3 מארק.

10) „וואַל-פּלאַטפאָרם צו דער קהילה-פאַרוואַלטונג“. אַרויסגעגעבען דורכ'ן י. ס. ד. אַרב. וואַל-קאָמיטעט („פועלי-ציון“). פרייז 75 פעניג

11) „דער אינטערנאַצ. וועגען דער יוד.-פראַגע“. זאַמלונג פון אַרטיקלען. פר. 2.50 מ.

12) „פּראָגראַם פון דער י. ס. ד. אַ. פ. („פועלי-ציון“) אין רוסלאַנד“. פרייז 75 פ.

13) „דער בונד“ זיין פאַרגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט. פון ח' זיאַמאַ. פר. 2 מ.

14) „די קלאַסען-אינטערעסען און די נאַצ. פראַגע“, פון ב. באָראָכאָוו. פר. 4.00 מ.

15) „דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם“ פון הערמאַן גאָרטער. פרייז 12 מארק.

16) די פּראָפעסיאָנעלע פאַרייגען און זייער בעדייטונג“.

17) „וועגען מאַטעריאַליסטישען פאַרשטיין די געשיכטע“, פון הערמאַן גריייליך. פרייז 2 מארק.

18) דריי רעזאָלוציעס: a) פון דער קאָנפערענץ פון דער י. ס. ד. א. („פ. צ.“) אין רוסלאַנד. b) פון דריטען אַלרוסישען צוזאַמענפאָר פון דער י. ס. ד. א. פ. („פ“צ“). אין רוסלאַנד. c) פון דער אוקראַיִנישער קאָנפערענץ (5. מאַי 1918). פרייז 1 מארק.

19) „ וואָס פאַרלאַנגט די י. ס. ד. אַ. פ. („פועלי-ציון“) פון די נייע שטאָט-פאַרוואַלטונגען“? פרייז 50 פעניג.

20) „אויף דער שוועל“ זאַמעלבוך פון צייט צו צייט, אַרויסגעגעבען דורך די בערלינער חברים. (צווייטע העפט) פרייז 5 מארק.

21) „די מתים פון דער קאָמונע“ פון אַרנו. פרייז 1.25 מארק.

22) „מאַרקס וועגען יודענטום און מאַרקס“ פון זלמן רובאַשאָוו.

א. באַן.

שמועסען וועגען עקאָנאָמיע.

וואַרשאַ.

אינהאַלטס־פערצייכנונג:

1. בשותּפישע אַרבייט, פונאַנדערטיילונג
פון דער אַרבייט. טויש, סחורה — זייטער 8
2. דער ווערטה פון די סחורות — — — „ 14
3. געלד — — — — — — — — „ 18
4. נאָכפראַגע און אָנבאָט. קאָנקורענץ — — „ 26
5. „אַרבייטס־הענד“ — — — — — — „ 31
6. מעהרווערטה — — — — — — „ 50
7. די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט — — „ 63
8. געזעלשאַפטליכע ווירטשאַפט — — — „ 79

ווען מיר זאָלען זיך צוקוקען אויפמערקזאַם צום אַרומיגען לעבען, וועט עס אונז פאָרקומען גלייך פון דער ערשטער מינוט משונה׳דיג ווילד. מיר וועלען דערזעהן, אַז דאָס לעבען איז פול מיט אונפערשטענדליכע ווידערשפרוכען. די איינע האָרעווען מיט׳ן בלוטיגען שווייס—די צווייטע שטעקען נישט אַריין קיין פינגער אין קאַלט וואַסער; די איינע שטאַרבען ווי די פליגען פון פערשידענע קראַנקהייטען—אַנדערע ווידער וואוינען אין רייכע פאַלאַצען און עסען פון אַלעם גוטען; די איינע ליידען צרות און נויט—ביי די צווייטע איז שטענדיג יום-טוב, שטענדיג געגרייטע טישען.

על-פי יושר האָט מען געמעגט מיינען, אַז גוט לעבט זיך דעם, ווער עס איז ארבייטזאַם און איז נישט קיין אויסברענגער. ביי אַזעלכען האָט אַלצדינג געדאַרפט געהן גלאַט און פיין; אי ער האָט געדאַרפט האָבען רייכע פאַלאַצען, אי ער האָט געדאַרפט עסען פונ׳ם שענסטען און בעסטען און. זיין לעבען האָט געדאַרפט זיין אַ יום-טוב. אָבער יענע, וואָס טהוען גאָרנישט—האָבען געדאַרפט ליידען צרות און פיין. וואָרום, אויב דו ביזט אַ מענש וואָס וויל גאָרנישט טהון, אויב דו ביזט אַ פוילער אָדער אַ שיכור—ביזטו אַליין שולדיג אין דיין נויט און דאַרפסט טאַקי האָבען צרות, וויפיעל עס געהט אין דיר אַריין. אַזוי, דאַכט זיך, האָט עס געדאַרפט זיין על-פי יושר...

נאָר אין דער אמת׳ן איז די מעשה נישט אַזוי. צרות אָהן אַ סוף האָבען דווקא די, וועלכע האָרעווען מיט׳ן בלוטיגען שווייס; און די, וואָס טהוען גאָרנישט—גראָד זיי באָדען זיך אין מילך און וויסען נישט מעהר ווי אויסברענגען און הולטאַיען. עס איז גאָר פאַרהאַן אַנ׳אַנדער „יושר", דהיינו: אויב דיין ביטערער מזל האָט נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט געבוירען ווערען ביי אַ

גביר—זאָלסטו וויסען-זיין, אַז שוין בּיי דיין וויעג וואַרטען אויף דיר צרות און פּיין, פון וועלכע דו וועסט דאָס גאַנצע לעבען נישט פּטור ווערען. לאָמיר אָננעהמען, דו בּיזט אַ זוהן פון אַ טאַטען אַ בעל-מלאכה אָדער אַ קליינעם קרעמעריל; בּיזט שוין איבערגעקומען אַלע קינדערשע קרענק, אַלע חולאת׳ן און פורעניות׳ן, וואָס עס ברענגט מיט זיך דאָס אָרימע לעבען, און דו בּיזט שוין אַ חדר-יונגעל—הויבּסטו תיכף אָן צו פיהלען אויף זיך דעם יאָך פון צרות: מען פערשפּאַרט דיך צוזאַמען מיט נאָך 15—20 דיינס-גלייכען אין אַ פינסטערען ענגען חדר, מען שטעלט אַוועק איבער דיר אַנ׳אויבערהאַר, אַ מלמד אַנ׳עם-הארץ, אַ גראָבען יונג, מיט זיין אייביגען קאַנטשיק. אין דער צייט וואָס בּיי נגידים פּערנעה-מען זיך קינדער מיט שפּיעלעכלעך, מיט צאַצקעלעך, און לויפען אַרום פריי ווי דער שטייגער פון קינדער דאַרף זיין—מוזט דו זי-צען אין ענגען, פינסטערען חדר, פערשפּאַרט גאַנצע טעג כסדר און דו האָסט נישט אפילו איין ליכטיגע, פרייע מינוט. אַזוי שלעפּט זיך די צייט בּיז בר-מצוה... געוואָרען בר-מצוה—דאַרף מען זעהן מאַכען פון דיר אַ תכלית, דאַרף מען זעהן דו זאָלסט ווערען אַ פערדיענער (בּיי פּיעל קומט די דאָזיגע צייט נאָך פרי-הער, ווייל דער טאַטע האָט נישט די מעגליכקייט צו האָדעווען אַנ׳איבּריג „מויל"; עס זענען פאַרהאַן בּיי איהם קיין עין-הרע נאָך אַ סך „מיילעכלעך"). הכלל, מען גיט דיך אָב אויף דער לעהר צו אַ בעל-מלאכה, אָדער אין אַ געוועלב, אָדער דו קומסט-אָן אין אַ פאַבּריק. דאָ הויבּט זיך אָן אַ נייע סדרה צרות. ווידער בּיזטו אַ פערקויפטער, פערשקלאַפט בּיים בעל-הבית; כמעט דיין גאַנצע צייט מוזט דו אָבּגעבּען פאַר טרוקען ברויט, דו מוזט אַרבּייטען 12—14 שעה אין מעת-לעת דערפאַר, וואָס מען וועט דיך אויס-לערנען די מלאכה. דו מוזט דערפאַר אָבּגעבּען דיינע בּעסטע יונ-גע יאָהרען—יענע יאָהרען, אין וועלכע דעם גביר׳ס זוהן איז אַ פרייער פויגעל און שפּאַצירט אַרום איבער די גאַסען אין די קנעפּלעך פון זיין גימנאַזיאַלען אוניפאָרם. און חוץ אַלעם מוזט דו נאָך איטליכען בעזונדער צופרידענשטעלען; איטליכער איז אַ דעה-זאָגער איבער דיר: דער בעל-הבית, זיין ווייב, זיין זוהן, דער עלטערער משרת; פון איטליכען האָסט דו געבּרענטע צרות און בּע-

שטענדיגע זלזולים... נאָר גאָט האָט געהאָלפען, ביזט שוין איבערגעקומען די צייט, געוואָרען אַ היבשער בחור, זיך אויסגעלערנט גאַנץ פיין דייך מלאכה, געוואָרען כלומר׳שט אַ מענש פאַר זיך. איז ווייטער אַ ניי צעטעל פון צרות! דו מוזט געהן זוכען אַרבייט, און געפינען די אַרבייט—איז נאָך שווערער, ווי טהון די אַרבייט. דו געהסט אַרום פון איין ווערקשטעל אין צווייטען, פון איין געוועלב אין אַנדערען, בעטסט רחמים מען זאָל דיך צונעהמען, מען זאָל דיך קויפען פאַר אַ שקלאַף. אָבער אַזעלכע ווי דו זענען פאַרהאַן אַ סך, עס פעהלען נישט קיין „הענד״, און אויף דיין שטעלע געפינען זיך צעהנדליגער בעלנים... נאָר אפילו ווען דו האָסט שוין געקריגען אַ שטעל און דו האָסט שוין, הייסט עס, אויף היינט וואָס איבערצובייסען—ביזט דו נאָך אַלץ נישט זיכער, אַז דאָסזעלבע וועט זיין מאָרגען. דו ביזט גאָרנישט בעוואָרענט, אַז אין אַ שענעם פריהמאָרגען זאָל דיר נישט ערקלערען דיין בעל-הבית, אַז אויף דיין סחורה געפינט זיך נישט קיין קונה און ער מוז אָבשטעלען די אַרבייט—און געה, ברודער, וואו דיינע אויגען וועלען דיך טראָגען!

אָט אַזוי פערגעהט דיין גאַנץ לעבען. תמיד אין אונזיכערהייט, שטענדיג שוועבסט דו צווישען איבערנאַטירליכער שווערער אַרבייט פון איין זייט און דער געפאַהר אַרויסגעשטופט צו ווערען אויפ׳ן גאַס אויף צרות און נויט פון דער אַנדער זייט.

אַז דו קוקסט זיך אַרום אַזוי אויף גאָטס וועלטעל, זעהסט דו, אַז דו ביזט נישט דער איינציגער: דו זעהסט, ווי הונדערטער טויזענדער און מיליאָנען ווערען אַרומגעשליידערט אַזוי, ווי זיי וואָלטען נישט געווען קיין לעבעדיגע מענשען, נאָר שפענדלעך, וואָס דער שטראָם יאָגט אַרום. אַזוי שליידערט דיך אַרום דיין ביטערער גורל, ביז עס וואַרפט דיך אַרויס ערגעץ-וואו אויף דער גאַס, ווען קיינעם איז שוין מעהר דיין אַרבייטס-קראַפט נישט נויטיג.״

אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ גורל? וואָס איז עס פאַר אַ פערבאָרגענע קראַפט, וועלכע מאַכט די מענשען פאַר איהרע ש״ עלעכלעך, וועלכע נעהמט-אָב ביי זיי דעם ווילען?

גרויס איז דער כח פון דער דאָזיגער קראַפט! דאָס איז

די נויט, דער האַר פון אונזער וועלט, וועלכער קאָמאַנדירט מיט מיליאָנען, וועלכער ווייס נישט פון קיין רחמים, וועלכער קוקט נישט אויף יושר! ער טרייבט עס דעם מענשען; ער מאַכט איהם פאַר אַ שטומע כּלי, פאַר אַ פּשוט געצייג אין די הענד פון בעל-הבית... אָבער ווען ביי די מענשען וואָלטען זיין אַנדערע לעבענס-אָרדנונגען ווי איצט, וואָלט די נויט נישט האָבען אַזאַ מאַכט, וואָלט מען זי לייכט קאָנען בייקומען -- וואָרום די אָרדנונגען, וואָס הערשען ביי די מענשען, זענען שולדיג אין די אַלע צרות.

פאַרוואָס איז איינעם וואויל ווי די וועלט און דעם אַנדערען ביטער ווי דער טויט? פאַרוואָס ווערען די איינע „צעפּלאַצט פאַר וואוילטאָג" און די אַנדערע ווערען געדריקט?

אַ סך האָבען מענשען וועגען דעם געקלערט; אַ סך געמוטשעט זיך צו דערגעהן, וואו זענען די סיבות פון דער הערשענדער אונגערעכטיגקייט. שווער איז געווען די אויפגאַבע; אָבער דער מענש איז פאַרט דערגאַנגען, וואו איז דער אמת און וואו איז דער שקר אינ׳ם לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט.

און וועגען דעם וויל איך אייך דאָ היינט דערצעהלען. ווען אונז וועט קלאָר ווערען, פאַרוואָס די מענשען ליידען -- וועט אונז זיין לייכטער צו געפינען אַ מיטעל ווי צו העלפען, אַ מיטעל וואָס זאָל אָבשאַפען די סיבות פון די ליידען.

I-טער קאַפּיטעל.

בשותּפ׳ישע אַרבייט. פונאַדערטיילונג פון דער אַרבייט. טויש. סחורה.

כּדי לייכטער צו פערשטעהן, אין וואָס עס ליעגט דער תוך פון דער היינטיגער אָרדנונג אין דער מענשליכער געזעלשאַפט, וועלען מיר אָנהויבען פון די אַלטע צייטען. ווייל אויב מיר ווילען גוט בעקאַנט ווערען מיט עפּיס אַ מענשען, פרעגען מיר פריהער אויס, ווי האָט ער געלעבט פון דער יוגענד אָן, און ווען אונז איז בעוואוסט זיין גאַנץ פריהערדיג לעבען -- קע-

נען מיר איהם שוין פאלשטענדיג און מיר קענען דע-מאלט בעשטימען, וואס איז דאס פאר א מענש. אזוי איז אויך מיט דער גאנצער מענשהייט: ווען מיר זאלען דערגעהן, ווי עס האט די מענשהייט געלעבט פון גאר אלטע צייטען ביז היינט, ווי איז זי געקומען צו דעם איצטיגען צושטאנד—וועלען אונז אסך זאכען מיט אמאל קלאר ווערען.

אמאל אין אלטע צייטען האט דאס גאנצע מענשליכע גע-שלעכט געלעבט, אזוי ווי עס לעבען נאך איצט די האלב-נאקע-טע ווילדע מענשען: אין וועלדער און היילען, אהן שטעדט און דערפער, אהן וועגען און בריקען, א שוואך און אונגליקליך בע-שעפעניש איז דער דאזיגער ווילדער מענש; כח האט ער ווייניג, די נאטור האט איהם קיין געוועהר אין האנד נישט געגעבען, דער אקס האט הערנער, דער וואלף שארפע צייהן, דער לייב שטארקע נעגעל. דאס אלץ דיענט אלס געוועהר געגען אנ׳אי-בערפאל פון שונאים. אבער וואס האט דער ווילדער מענש? א שטעקען מיט א שארפען שפיץ—דאס איז זיין גאנץ כלי זיין! און לעבען ווילט זיך אויך דעם ווילדען מענש: מען מוז קריגען פאר זיך וואס צו עסען, און איבערהויפט מוז מען פערטיידיגען דאס לעבען געגען די שונאים—די ווילדע חיות פון וואלד, פער-שטעהט זיך, אז עסען עסט ער קדחת, נישט אזוי ווי א לייב אדער א בער, וועלכער האט זיך יעדען טאג אנ׳אקס אדער א הירש צו מיטאג. ווידער וואס אנבעלאנגט די שונאים—קאן איהם יעדע חיה אנטהון כל הצרות און אפטמאל מאכען פון איהם אליין פאר זיך א מיטאג. אונזער אונגליקליכער ווילדער קאן זיך גארנישט העלפען: געה שריי חי וקים, דער וואלד ווייס פון קיין יחוס נישט. דער ווילדער טרעפט זיך אבער צונויף מיט נאך אזעלכע אונגליקליכע בעשעפענישען, ווי ער איז אליין; און ביסלעכווייז הויבען אן די ווילדע זיך צונויפצוקלויבען אינאיינעם. דא הויבען זיי אן צו פיהלען, אז עס ווערט עפעס לעבעדיגער, פרעהליכער. ערשטענס, האט עס זיך איינגעגעבען אלעמען צוזא-מען צו דער׳הרג׳ענען א הירש: האבען זיי וואס צו עסען א גאנצען טאג, און אט האט א בער זיך דערנעהנטערט צו זיי, האבען זיי אלע אינאיינעם געגעבען איהם א הלק, ווי ער האט

פערדיענט. ווען די ווילדע וואָלטען געלעבט יעדערער בעזונדער, וואָלט קיינער פון זיי אפילו נישט געוואוסט דעם טעם פון הירשען-פלייש און וואָלט גאָר אפשר אַליין בכבודו ובעצמו געדיענט דעם בער אויף אַנ'אָנבייסען. אָבער איצט ווייס איטליכער, וואָס איז אַזוינס הירשען-פלייש, און חוץ דעם האָט מען אויך געגעבען צו שפירען דעם בער דעם טעם פון אַ שטעקען. אונזערע ווילדע מערקען זיך דאָס גוט און זיי הויבען אָן צו פערשטעהן, אַז אַלעמען אינאיינעם איז אַסך בעסער צו לעבען: אי מען קאָן אַוועקלעגען אַ גרויסע חיה, אי מען קאָן מיט די בערען און וועלף לערנען בלק. און אַז די ווילדע כאַפּען זיך שוין צום שכל, ווי וואויל און גוט עס איז דאָס צוזאַמען-לעבען—דעמאָלט האַלטען זיי זיך שוין פעסט איינער פאַר דעם צווייטען, דעמאָלט האָט שוין קיינער קיין חשק נישט זיך צו שיידען מיט דער קאָמפּאַניע און אָנהויבען לעבען פאַר זיך. אַזוי זעהען מיר, אַז די הויפּט-סבה, וואָס טרייבט די מענשען צו לעבען אין געזעלשאַפטען, איז די נויט און די אונבעהאָלפענקייט. אָט דאָס צווינגט זיי צו פעראייניגען זייערע כחות, סיי כדי צו בעקומען שפייז פאַר זיך, סיי כדי צו פערטיידיגען זיך געגען די ביטערע שונאים. אַזאַ פעראייניגונג פון כוחות רופט מען בשותפ'ישע אַרבייט. כדי צו בעווייזען דעם גאַנצען נוצען און די נויטווענדיגקייט פון בשותפ'ישער אַרבייט, וועלען מיר נעהמען אַזאַ ביישפיעל.

מען דאַרף אַריבערטראָגען פון איין אָרט אויף דעם צווייטען 10 טשוגונענע סלופּעס, וואָס איטליכער פון זיי וועגט 20 פוד. צו דער אַרבייט האָבען זיך גענומען 10 מענשען. ווען איטליכער פון זיי זאָל נעהמען איין סלופּ און זאָל איהם וועלען אַריבערטראָגען, קאָן ער זיך אָנמאַטערן וויפיעל ער וויל—ער וועט איהם אפילו פון אָרט נישט ריהרען. אָבער ווען אַלע 10 וועלען פעראייניגען זייערע כוחות און וועלען אַלע מיט אַמאָל זיך נעהמען פאַר איין סלופּ און דערנאָך פאַר דעם צווייטען א. אַז. וו., וועלען זיי גיך פאַרטיג ווערען מיט דער אַרבייט. דאָס איז דער כח פון בשותפ'ישער אַרבייט. אַזוי קאָנען מיר זאָגען, אַז די נויט און די אונבעהאָלפענקייט פעראייניגען די מענשען און צווינגען זיי צו אַרבייטען

בשותפות און צו לעבען אין געזעלשאַפטען אָדער געמיינדעס (אין אַנ׳עדה, אַ קהלה).

יעדע אַזעלכע געמיינדע, כדי נישט אונטערצוגעהן, מוז זאָרגען פאַר איהר זיכערקייט און פאַר מיטלען צום לעבען. אין די גרענעצען, אין וועלכע עס ענטוויקעלט זיך דער מענשליכער שכל און עס ווערען גרעסער די מענשליכע קענטניסען, טהוט יעדע געמיינדע אַלץ וואָס זי קאָן, כדי צו פערבעסערן איהר לעבען: זי אַקערט, זייהט, פיטערט בהמות, קלויבט פירות א. אַז. וו. אָבער נישט אַלע ערטער אויף דער ערד זענען גלייך גוט. איין געמיינדע האָט אָבגעגליקט צו בעקומען גוטע, פעטע ערד—און זי זייהט אַסך תבואה. די אַנדערע האָט ערד, וואו עס וואַקסט גוט גראָז—פערנעהמט זי זיך מיט פיטערן בהמות. די דריטע האָט אַ זומפיג אָרט: תבואה וואַקסט דאָרט שלעכט, נאָר דערפאַר האָט זיך דאָרט אין זומפ אַרויסגעוויזען אייזען-ערד (רודע)—פערנעהמט זיך די געמיינדע מיט שמידעריי. און אַזוי ווייטער. מיט איין וואָרט, איטליכע געמיינדע איז בעמיהט, זיך צו פערנעהמען מיט דעם, וואָס פאַר איהר איז פאַסיגער. וואָס קומט דערפון אַרויס? איין געמיינדע האָט אַסך תבואה, נאָר זי נויטיגט זיך אין העק און אַנדערע אייזערנע געצייג; די אַנדערע האָט פיעל אייזערנע געצייג, אָבער ווייניג תבואה. וואָס-זשע טהוט מען דאָ? עס איז שלעכט סיי דער איינער געמיינדע, סיי דער צווייטער. נאָר אָט—צי דורך אַ צופאַל אָדער דורך נאָכפרעגען זיך—קומען זיך צונויף די מענשען פון דיביידע געמיינדעס. די איינע דערצעהלען, אַז זיי האָבען אַסך תבואה, נאָר זיי האָבען נישט קיין אייזערנע גע-צייג; די אַנדערע ווידער, אַז ביי זיי איז אייזען פול און פול, אָבער תבואה—נישט אויף אַ רפואה. פערשטעהט זיך, אַז צווישען זיי קומט פאַר אַ ט ו י ש. זיי טוישען-אויס זייער גוטס איינס אויף דאָס אַנדערע, און אַזוי האָבען שוין ביידע געמיינדעס אי תבואה אי אייזערנע געצייג. און קוים האָט מען זיך בעקענט איינער מיט דעם צווייטען, טהוט מען שוין דאָס אין די קומענ-דיגע יאָהרען: זיי טוישען אויס איינע ביי די אַנדערע דאָס וואָס זיי אַרבייטען אויס, אָדער ווי די געלעהרטע זאָגען: זייערע פּראָדוקטען.

ווען דאָס אַלץ האָט זיך שוין גוט אַיינגעשטעלט, הויבּען אָן אונזערע שמידען אַזוי צו טענה'ן: „אונזער זומפּ איז נישט קיין גערעטען אָרט פאַר תבואה, מיר פּטר'ן בלויז אומזיסט די צייט איהם צו בעאַרבייטען, לאָמיר בעסער אַוועקוואַרפען דאָס אַקערן און זיך איינגאַנצען אָבגעבען דער שמיעד־אַרבּייט. וואָס מיר וועלען אויסאַרבּייטען, וועלען מיר אויסטוישען ביי אונזערע שכנים אויף תבואה און נאָך זאַכען אין וועלכע מיר נויטיגען זיך.״ מיט דער צייט אַרבּייט זיך אויס אַזוי, אַז די געמיינדע, וואָס האָט די פעטע ערד, אַרבּייט אויס בלויז תבואה, און די וואָס האָט זומפּיגע ערד—בלויז אַייזערנע געצייג, און דערנאָך טוישען זיי אויס זייערע פּראָדוקטען. אויף אַזאַ אופן האָבען די געמיינדעס צעטיילט צווישען זיך די אַרבּייט—איינע פערנעהמט זיך בלויז מיט ערד־אַקערן, די אַנדערע בלויז מיט שמיעדעריי— זיי האָבען געמאַכט אַ פונאַנדערטיילונג פון דער אַר־בּייט. און אַזוי ווי יעדע פון אַזעלכע געמיינדעס איז בעמיהט זיך צו פערנעהמען בלויז מיט דעם, וואָס איז איהר מעהר צו דער האַנד—קומט־פאָר די פונאַנדערטיילונג פון דער ארבּייט צווי־שען אַסך געמיינדעס, דערנאָך טוישען־אייס די געמיינדעס אַלע זייערע פּראָדוקטען צווישען זיך...

אָבער אויך אינווייניג, אין דער געמיינדע גופא, מוז פאָר־קומען אַ פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבּייט: איינער איז אַ גרוי־סער גבור, ער רייסט־אויס בּוימער מיט'ן וואָרצעל—פון איהם קאָן אַרויסקומען אַ גערעטענער פעלד־אַרבּייטער. נאָר זעץ איהם אַוועק נייהען שטיוועל, וועט ער דיר מאַכען אַזעלכע שטיוועל, וואָס טויגען צו גאָרנישט. אַב'אַנדערער ווידער איז אַ שוואַך מענשעל—דערפאַר אָבער קאָן ער מאַכען שטיוועל. ביידע האָבען נויטיג אי ברויט אי שטיוועל. נאָר כדי עס זאָל נישט אַרבּייטען אָהן אַ טאָלק דער פעלד־אַרבּייטער מיט דער נאָל און דער שוס־טער מיט דער קאָסע, טהוט זיך איטליכער פון זיי זיין זאַך: דער פעלד־אַרבּייטער זייהט תבואה, און דער שוסטער נייהט שטיוועל; און דערנאָך טוישען זיי אויס זייערע פּראָדוקטען. בּכלל, אַזוי ווי איטליכער מענש נעהמט זיך גערן פאַר אַזאַ אַרבּייט, וואָס איז בעסער צוגעפּאַסט צו זיינע פעהיגקייטען, מוז אין דער

געמיינדע בעשטימט אַרויסקומען אַ פונאַנדערטיילונג פון דער אַר-בייט. ווען אין דער געמיינדע איז פאַראַן 30 מענשען, וועלען אונגעפעהר 17 פעלד-אַרבייטער, 2 שוסטער, 3 שניידערס, 2 שמי-דען, 5 סטאָליאַרעס, 1 מוליאַר. איטליכער פון זיי טהוט זיך זיין אַרבייט, אָבער אַלע אינאיינעם מאַכען זיי פאַרטיג אַלצדינג, וואָס איז נויטיג פאַר דער עקזיסטענץ פון דער גאַנצער געמיינדע: ברויט, שטיוועל א. אַז. וו. אַלע מיטגלידער פון דער געמיינדע אַרבייטען בשותפות, אָבער זייער אַרבייט איז פונאַנדערגעטיילט...
אַז די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט איז אמת נוצליך, קאָ-נען מיר זעהן פון אַזאַ ביישפּיעל. אַ גוטער שוסטער קאָן אויפ-נייהען אַ פּאָר שטיוועל אין צווי טעג. און ווען אַ שמיעד זאָל וועלען אַוועקלעגען אָן אַ זייט זיין אייגענע אַרבייט און זעצען זיך נייהען פאַר זיך אַ פּאָר שטיוועל, וועט ער אפילו אין צווי וואָכען נישט קאָנען עס אויפטהון. דיזעלבע מעשה וועט זיין מיט'ן שוסטער, ווען עס זאָל איהם איינפאַלען צו מאַכען זיך מע-סערס, מיט איין וואָרט, ביי דער פונאַנדערטיילונג פון דער אַר-בייט פּאַסט זיך צו איטליכער מענש צו דער אַרבייט, וועלכע ער האָט זיך אויסגעקליבען, און ער מאַכט זי גיכער און בעסער, ווי דער וואָס האָט אויף זיך צוואַנציג עסקים.—די פונאַנדערטיי-לונג פון דער אַרבייט מאַכט די אַרבייט שפּאָרעוודיגער, אָדער ווי מען זאָגט עס אַנדערש: זי פערגרעסערט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט.
אַזוי ווי ביי דער פונאַדערטיילונג פון דער אַרבייט אַר-בייט-אויס איטליכער בלויז איינעם פון די פּראָדוקטען וועלכע ער האָט נויטיג, פערשטעהט זיך, אַז ער מוז אויסטוישען זיינע פּראָדוקטען אויף די, וועלכע פעהלען איהם. צ. ב., אַ שוסטער, וועלכער אַרבייט-אויס בלויז שטיוועל, מוז זיי אויסטוישען אויף ברויט, זאַלץ, קליידער א. אַז. וו. אַזוי מוזען אויך טהון אַלע אַרבייטער. אויף אַזאַ אופן, מוז ביי דער פונאַנדערטיי-לונג פון דער אַרבייט אונבעדינגט עקזיסטירען אַ טויש פון פּראָדוקטען.
איטליכער פּראָדוצירער (אַרבייטער) אַרבייט-אויס פאַר זיך אַליין אַ קליינע צאָהל פון זיינע פּראָדוקטען. אַ שוסטער, וועלכער

געהט-אויף 150 פאַר שטיוועל אַ יאָהר, פערברויכט פאַר זיך אַליין אפשר צוויי פאָר. די איבריגע 148 פאָר אַרבייט ער אויס, כדי זיי אויסצוטוישען אויף אַנדערע נויטיגע פּראָדוקטען. די 148 פאָר זענען שוין **סחורה.**

אַלע פּראָדוקטען, וועלכע ווערען אויסגעאַרבייט צום טויש (אָדער פערקויף), ווערען אָנגערופען סחורה.

אַזוי קומט אַרויס, אַז די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט רופט-אַרויס די נויטווענדיגקייט אויסצוטוישען און זי צווינגט די מענשען אויסצואַרבייטען פּראָדוקטען צום אויסטויש (ד. ה. צום פערקויף), **אויסצואַרבייטען סחורה.**

אַזוי-אַרום דערוויסען מיר זיך אַט וואָס:

די נויט און די אונבעהאָלפענקייט צווינגען די מענשען זיך צו פעראייניגען אין געזעלשאַפטען און זיך נעהמען צו בשותפי'שער אַרבייט. 2) צוליעב דעם וואָס נישט אַלע ערטער אויף דער ערד זענען גלייכע און נישט אַלע מענשען האָבען גלייכע פעהיגקייטען און כוחות, קומט-פאָר די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט סיי צווישען די איינצעלנע געמיינדעס, סיי צווישען די מיטגלידער פון דערזעלבער געמיינדע. 3) די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט רופט-אַרויס דעם אויסטויש פון די פּראָדוקטען און דאָס אויסצואַרבייטען פּראָדוקטען צום אויסטויש—ד. ה. די **פּראָדוקציע פון סחורות.**

2-טער קאַפּיטעל.

דער ווערטה פון די סחורות.

ווייסען מיר שוין, הייסט עס, אַז די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט רופט-אַרויס אונבעדינגט דעם אויסטויש פון סחורות. איצט איז אַ פראַגע: ווי קאָן מען וויסען, וויפיעל שטיק פון איין סחורה דאַרף מען געבען פאַר דער אַנדערער? לאָמיר נעהמען דעם איינפאַכסטען ביישפּיעל: אַ שוסטער וויל אויסטוישען ביי אַ וועבער אַ פאָר שטיוועל אויף לייווענט—וויפיעל לייוועַנט

מוז ער בעקומען פאַר זיינע שטיוועל? פערשטעהט זיך, אַז דער שוסטער וויל קריגען וואָס מעהר לייוועגט און דער וועבער וויל געבען וואָס וועניגער. ווי וועלען זיי דאָ מושווה ווערען? ווען דער שוסטער וועט בעטען פאַר זיינע שטיוועל צופיעל לייוועגט, צ. ב. 40 אַרשין, וועט דער וועבער מסתמא איהם זאָגען: „האַלט, ברודער, אַזוי געהט עס נישט; מאַכען די שטיוועל האָט ביי דיר געדויערט נישט מעהר ווי צוויי טעג, און איך האָב געהאָרעוועט אויף די 40 אַרשין לייוועגט 4 טעג". פון דער אַנדער זייט, ווען דער וועבער וועט וועלען געבען פאַר די שטיוועל נישט מעהר ווי 10 אַרשין לייוועגט, וועט איהם דער שוסטער ענטפערן: ביזט אַ גרויסער בריה! איך האָב צוויי טעג נאָכאַנאַנד געשוויצט אויף די שטיוועל, און דו האָסט אויסגעוועבט דאָס לייוועגט אין אַ טאָג צייט, עס וועט זיין צופיעל אַ פּאָר שטיוועל פאַר דיינע 10 אַרשין. נאָר אַזוי ווי דער שוסטער האָט זעהר נויטיג לייוועגט אויף הויזען און דעם וועבערס שיך האָבען שוין לאַנג געפּעפּענט די מיילער, מוז מען דאָך ווי עס איז זיך צונויפרעדען. זאָגט דער וועבער אַזוי: „הער, ברודער, עס איז דאָך קיין עסק נישט צו דינגען זיך אָהן אַ סוף, מען מוז דאָך אַמאָל קומען צו אַ טאָלק; ווייסטו, וואָס? דו האָסט די פּאָר שטיוועל געאַרבייט צוויי טעג, איך וועל דיר דערפאַר געבען אַזויפיעל לייוועגט, וויפיעל איך האָב אויסגעאַרבייט אין צוויי טעג. נאַ דיר צוואַנציג אַרשין, דאָס וועט זיין אַקוראַט אין דער מאָס". און דערויף זעגען זיי מושווה געוואָרען. אַזוי זעהען מיר, אַז דער וועבער און דער שוסטער האָבען געמוזט אָבשאַצען זייערע סחורות לויט דער צייט, וואָס איטליכער פון זיי האָט פערברויכט, כדי זיי אויסצואַרבייטען.

פערשטעהט זיך, אַז נישט יעדער שוסטער ווייס, וויפיעל צייט בעדאַרף דער וועבער, כדי אויסצואַרבייטען איין אַרשין לייוועגט, און נישט איטליכער וועבער ווייס, ווי לאַנג געדויערט נייהען אַ פּאָר שטיוועל: עס קאָן דאָך נישט איטליכער בעל-מלאכה קענען אַלע מלאכות. אָבער ווען אפילו איין מאָל און צוויי מאָל וועלען אונזערע שוסטער און וועבער נישט קענען אויסרעכענען, וויפיעל סחורה איטליכער פון זיי בעדאַרף קריגען,

וועלען זיי מוזען פונדעסטוועגען סוף-כל-סוף שאַצען זייערע סחורות לויט דעם סכום פון דער צייט, וואָס איז נויטיג, כדי זיי פאַרטיג צו מאַכען. דאָס וועט אַרויסקומען אויף אַזאַ אופן. לאָמיר אָננעהמען, די שוסטער נאַרען-אָב די וועבערס און נעהמען פאַר יעדע פאָר שטיוועל נישט 20 נאָר 25 אַרשין. די שוסטער-שע מלאכה טראָגט-איין אויף אַזאַ אופן מעהר, איידער די מלאכה פון וועבען; די שוסטערס לעבען זיך מעשה-פריץ, און די וועבערס ווערען אויסגעריסען האָרעווענדיג. איטליכער מענש זוכט זיך אָבער וואָס בעסערס, און דעריבער וואָלטען אַסך וועבערס אויס-געלערנט זייערע קינדער שוסטעריי, און אין עטליכע יאָהר אַרום וואָלט געוואָרען אַזויפיעל שוסטערס, אַז עס וואָלט זיך מעהר נישט געפינען קיין קונים אויף די שטיועל, וואָס זיי אַלע מאַכען פאַרטיג. ווילענדיג-נישט-ווילענדיג, אַבי נור צו פערקויפען זייער סחורה, וואָלטען די שוסטערס אָנגעהויבען אַראָבלאָזען דעם פרייז פון די סחורות, און וואָלטען אַוועקגעגעבען אַ פאָר שטי-וועל נישט פאַר 20 אַרשין נאָר אפילו פאַר 15, אַזוי אַז סוף-כל-סוף וואָלט זייער מלאכה אויפגעהערט צו זיין די בעסע-רע, און מען וואָלט אויפגעהערט זיך דערמיט צו פערנעהמען; דאַמאָלס וואָלט זיך ווידער דער פרייז פון שטיוועל געהויבען, ווייל עס וואָלט געוואָרען וועניגער שטיוועל... ווען די וועבערס וואָלטען אָבגענאַרט די שוסטערס, די סטאָליאַרעס, די פעלד-אַר-בייטער א. אַז. וו., וואָלט געווען דיזעלבע זאַך. דער עולם וואָלט זיך אַ נעהם געטהון פאַר וועבעריי, מען וואָלט אויסגעאַרבייט צופיעל לייווענט, און לייווענט וואָלט געוואָרען אַזוי וואָלוועל, אַז עס וואָלט גאָרנישט געלוינט צו פערנעהמען זיך מיט דער מלאכה. סוף-כל-סוף וואָלט אַרויסגעקומען, אַז די סחורות וואָלט מען גע-שאַצט לויט דער צייט, וואָס מען בּרויכט כדי זיי אויסצואַרביי-טען. הייסט עס, אַז אין דער אמת'ן, בשעת מענשען טוישען-אויס זייערע סחורות, טהוט איינער דעם אַנדערען אַ גלייכע טובה, ד. ה., זיי אַרבּייטען איינער פאַר דעם אַנדערען אַ גלייכע צייט.

און ווידען אַנדערש וואָלט מען געקאָנט אָבשאַצען די סחורות? אין פלוג קאָן אויסווייזען, אַז די סחורות קאָנען ווערען געשאַצט לויט דעם נוצען, וואָס זיי בּרענגען די מענשען; וואָס

די סחורה איז נוצליכער, אַלץ טייערער בעדאַרף זי קאָסטען. אָבער ווען די סחורות וואָלטען געוואָרען געשאַצט לויט זייער נוצען, וואָלט געמוזט אַרויסקומען בלויז אַ פּלאָנטערניש. היינט וואָלט עמיצער פאַר אַ פּאָר שטיוועל אָבגעגילט—שוין צו-קאָלט אַרומצולויפען באָרוועס, אָבער צומאָרגענס דאַרף ער אפילו פאַר אומזיסט קיין שטיוועל נישט-ער האָט דאָך נעכטען שוין געקויפט. און ווידער, פון וואַנען קאָן מען גלאַט וויסען, וועלכע סחורה איז נוצליכער, וועלכע איז נויטיגער? היינט איז מיר נויטיג שטיוועל, מאָרגען לייווענט. היינט דאַרף איך גאָר קיין ברויט נישט און מאָרגען מוז איך האָבען אַ ברויט, אי שטיוועל, אי לייווענט. לופט אָדער וואַסער זענען פאַר אַלעמען נויטיג, און פונדעסטוועגען צאָהלט קיינער קיין געלד נישט פאַר זיי, ווייל אי לופט אי וואַסער בעקומט דער מענש נישט דורך זיין אַרבייט, נאָר אומזיסט, פון דער נאַטור. אָבער פאַר דאָסזעלבע וואַסער מוז מען צאָהלען, ווען מען מוז אָנווענדען ארבייט, כדי עס צו קריגען. צום ביישפּיעל, אין שטעדט מוז מען צאָהלען פאַר וואַסער דעם וואַסערפיהרער אָדער פאַר דער וואַסערלייטונג. דאָס ווייזט, אַז אָבשאַצען מוז מען די סחורה לויט דער אַרבייט, וועלכע מען מוז אָנלעגען, כדי זי אויסצואַרבייטען (אָדער פּראָדוצירען).

נאָר לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַזאַ ביישפּיעל: אונזער שוסטער, וועלכער וויל אויסטוישען זיינע שטיוועל אויף לייווענט, האָט ליעב דעם טרונק און זענענדיג מבוסמ'דיג האָט ער זיך געפּאָרעט אַרום די פּאָר שטיוועל נישט צוויי טעג, ווי עס געהער צו זיין, נאָר גאַנצע פיער. און ער וואָלט געוואָלט אויף דעם סמך פאָדערן פונ'ם וועבער נישט 20, נאָר 40 אַרשין לייווענט: „ביי מיר האָט געדויערט נייהען די פּאָר שטיוועל פיער טעג, גיב זשע מיר אַזויפיעל לייווענט, וויפיעל דו האָסט אויסגעאַרבייט אין פיער טעג, גיב מיר 40 אַרשין". דעמאָלט, פערשטעהט זיך, וואָלט יעדער איינער אָבגעשטעלט דעם שוסטער מיט דעם ענטפער: „אַז דו ביזט שוין יאָ אַזאַ גרויסער בריה, וואָלסטו שוין, גוטער ברודער, אפשר אַראָבגעלאָזט נאָך אַ פּאָר כוסות און דערצו אפשר זיך גוט אויסגעשלאָפען, און דעמאָלט וואָלט אפשר

ביי דיר גערדויערט מאַכען אַ פּאָר שטיוועל צעהן טעג; און דע-ריבער געה זוך אַזאַ טיפּש, וועלכער זאָל דיר געבען 100 אַרשין לייווענט פאַר זיי. איך אָבער וועל זוכען אַזאַ שוסטער, וועלכער נייהט-אויף אַ פּאָר שטיוועל אין צוויי טעג, און ער וועט מיר זיי אָוועקגעבען פאַר 20 אַרשין". אַזוי וואָלט געזאָגט דער וועבער, און דער שוסטער וואָלט געמוזט אָוועקגעבען זיינע שטיוועל פאַר 20 אַרשין לייווענט, סיידען ער וואָלט געוואָלט צוריקטראָגען זיי צו זיך אַהיים. הייסט עס, אַז דער שוסטער איז געווען אונגע-רעכט, ווען ער האָט געוואָלט, דערפאַר וואָס ער האָט זיך גע-פּאָרעט אַרום די שטיוועל פיער טעג, בעקומען פאַר זיי מעהר פון 20 אַרשין.

אויף אַזאַ אופן, מוז אונזער שוסטער אָבשאַצען זיין סחורה נישט לויט דער צייט, וואָס ער איז אָבגעזעסען ביי דער אַר-בייט, נאָר לויט דער צייט וואָס איז נויטיג, כדי אויפצוניי-הען אַ פּאָר שטיוועל. ווען אַלע שוסטערס נייהען-אויף אַ פּאָר שטיוועל אין צוויי טעג, האָבען אויך זיינע שטיוועל דעם ווערטה פון אַ צוויי-טאָגיגער אַרבייט, הגם ער האָט צופעליג דערויף פער-ברויכט מעהר צייט.

מיט איין וואָרט, צווישען אונזערע בעלי-מלאכות ווערען די סחורות ביים אויסטוישען געשאַצט בלויז לויט דער צייט, וואָס איז נויטיג זיי אויסצואַרבייטען, אָדער ווי מען זאָגט געוועהנליך: דער ווערטה פון די סחורות ווערט געמאָסטען מיט דעם סכום פון דער צייט, וועלכע איז נויטיג פאַר זייער פּראָדוקציע.

אָט דעם כלל מוז מען געדענקען; אָהן איהם איז אונמעג-ליך צו פערשטעהן די גאַנצעווירטשאַפטליכע אָרדנונג, פון וועל-כער דעם אַרבייטער קומט-אויס אַזויפיעל צו ליידען.

3־טער קאַפּיטעל.

געלד.

ווי מיר האָבען געזעהן פריהער, פלעגען שטיוועל און ליימענט אויסגעטוישט ווערען איינס אויף דאָס אַנדערע אויף אַזאַ אופן, אַז אין דיביידע סחורות איז געווען אַריינגעלעגט אַ גלייכער סכום אַרבייט*). אַ פּאָר שטיוועל וועלכע מען האָט אויסגעאַרבייט אין צוויי טעג, פלעגען ווערען אויסגעטוישט אויף 20 אַרשין לייוועגט, וואָס אויסאַרבייטען זיי האָט אויך געדויערט צוויי טעג. און בכלל אַלע סחורות, וואָס געפינען זיך אויפ׳ן מאַרק, האָבען געקאָנט ווערען אויסגעטוישט איינע אויף די אַנדערע אַזוי, אַז אין די ביידע סחורות, וועלכע מען טוישט-אויס, זאָל זיך געפינען אַ גלייכער סכום אַרבייט. אַזוי, למשל, ווען אויף דער אויסאַרבייטונג פון פיער פוד ווייץ וואָלט מען בעדאַרפט האָבען צוויי טעג, פון אַ פּאָר שטיוועל דאָסזעלבע, פון 20 אַרשין לייוועגט—צוויי טעג, פון פינף אַרשין צייג—צוויי, פון אַ שפּיגעל צוויי טעג, דעמאָלט האָט מען געקאָנט אויסטוישען די אַלע סחורות איינע אויף די אַנדערע, אַזוי אַז פאַר אַ פּאָר שטיוועל האָט מען געקאָנט קריגען פיער פוד ווייץ, אָדער צוואַנציג אַרשין לייוועגט, אָדער פינף אַרשין צייג א. אַז. וו.

איצט לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַזאַ פאַל: אונזער שוסטער מוז האָבען לייוועגט; נייהט ער אויף אַ פּאָר שטיוועל און געהט מיט זיי צום וועבער, כדי זיי אויסצוטוישען אויף לייוועגט. נאָר ווי אויף צו-להכעיס האָט דער וועבער ערשט נעכטען געקויפט שטיוועל און וויל בשום אופן נישט אַוועקגעבען קיין לייוועגט

*) אַזוי איז טאַקי געווען אין אַמאָליגע צייטען, בשעת צווישען מענשען איז געווען אַ פּראָסטער טויש פון סחורות. דורך דעם דאָזיגען טויש פלעגען די מענשען אַרבייטען איינער פאַר דעם צווייטען אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט האָבען קיין שאָדען (איינער האָט פאַר דעם אַנדערען געאַרבייט לערך אַזויפיעל, וויפיעל יענער פאַר איהם).

פאר נייע שטיוועל. „וואו זאל איך אהינטהון צוויי פאר שטי-
וועל? אט איך וואלט גאר וועלען האבען צייג אויף א קלייד
פאר מיין ווייב; ווען דו וואלסט געהאט עפעס א פאסיג שטיקעל
צייג, דעמאלט וואלט איך מיט דיר געמאכט א טויש". אונזער
שוסטער לאזט זיך געהן צו א צווייטען וועבער, צו א דריטען —
אלץ דיזעלבע מעשה: קיינער דארף קיין שטיוועל נישט, קיינער
וויל זיי נישט — נאך וואס זאלען זיי זיך גלאט אזוי וואלגערן?
און דער שוסטער בעדויערט שטארק, וואס ער איז נישט קיין
בעקער; ברויט איז א סחורה עובר לסוחר: עסען מוז מען אלע
טאג; ברויט איז לייכטער אויסצוטוישען אויף אנ'אנדער סחורה
איידער שטיוועל. צום גליק האט דער בעקער מסכים געווען אויס-
צוטוישען דעם שוסטער די שטיוועל אויף ברויט; אונזער שוסטער
איז אוועק מיט'ן ברויט צום וועבער, און יענער האט איהם גע-
געגעבען פאר'ן ברויט לייוועגט... אבער אויך דער בעקער קלאגט
זיך אויף זיין גורל: אמת טאקע, זיין סחורה איז נויטיג פאר
אלעמען, מען קאן אהן דעם נישט אויסקומען; נאר פונדעסטווע-
געגן קאן זיך טרעפען אמאל, אז עס איז שווער צו פערקויפען
דאס ברויט: צום ביישפיעל, א הענדלער מיט בהמות האט א קוה,
וועלכע איז דעם בעקער זעהר נויטיג; דער הענדלער מוז אויך
אלע טאג האבען ברויט; אבער פאר א קוה דארף מען נעהמען
אסך ברויט, און וואו זאל ער אהינטהון אזויפיעל ברויט מיט
אמאל, עס קאן דאך פאר דער צייט פערדארט ווערען. אויך
דעם בהמות-הענדלער איז נישט גרינגער, הגם בהמות זענען אלע-
מען נויטיג און אגב ווערען זיי נישט פערדארט, אזוי ווי ברויט;
נאר ער דארף, צום ביישפיעל, נויטיג האבען נאדלען, טא ווי
זשע זאל ער אויסטוישען א קוה אדער א שעפס פאר נאדלען?
פאר א קוה וועט מען איהם געבען אזויפיעל נאדלען, אז ער
וועט זיי צייט זיין לעבען נישט פערברויכען. דאס הייסט, אז
לייכטער און בעסער קאן אויסטוישען זיין סחורה דער, וואס אין
זיינע פראדוקטען נויטיגט מען זיך צום מעהרסטען. מיט דעם
בעל-הבית פון דער דאזיגער סחורה וועט איטליכער גערן זיך
טוישען; אפילו ווען עס איז נישט נויטיג גלייך איצטער, קאן
מען עס בעהאלטען אויף שפעטער; און בפרט, ווען די סחורה

אין נאך אזא, וואס ווערט נישט גיך פערדארבען און מען קאן זי לייכט צעטיילען אויף חלקים—דעמאלט קאן מען אויסטוישען דערויף אי א גרויסע אי א קליינע זאך. אזא סחורה איז פונקט ווי ביי אונז געלד: מען קאן פאר דעם אלצדינג קויפען און פערקויפען. אזוי ארום האבען זיך אלע געסטארעט פון אנהויב אויסצוטוישען אלע זייערע סחורות אויף די איינע סחורה, און דערנאך שוין אויסטוישען זי אויף אלצדינג, וואס מען דארף האבען. אזא סחורה איז ביסלעכווייז געווארען אנ'אויסטויש-מיטעל אדער געלד").

---

*) אין פערשידענע צייטען און אין פערשידענע ערטער האבען די מענשען דערצו אויסגעקליבען פערשידענע סחורות. ס'רוב האט מען אויסגעקליבען אזעלכע זאכען, וועלכע זענען געווען צום מעהרסטען אין לאנד. די אלטע כלגרען פלעגען אויסטוישען די פרעמדע סחורות אויף פעל פון חיות, ווייל ביי זיי אין די וועלדער זענען דעמאלט געווען אסך חיות, און די פרעמדע סוחרים פלעגען גערן נעהמען פעלי אין אנדערע ערטער פלעגט מען טוישען אויף בהמות,—מען פלעגט אבשאצען אזוי: דאס קאסט אזויפיעל און אזויפיעל קיה, שעפסען אדער פערד. נאך איצטער זענען פארהאן אזעלכע מענשען, וואס טוישען אויף מושלען (ראקאווינעס). די מושלען גע-ברויכען זיי פאר ציהרונג און האבען עס זעהר ליעב. זיי קלויבען זיי צונויף אויפ'ן ברעג ים, ציהען זיי ארויף אויף שנירלעך און טוישען דערויף.

נאר די אלע סחורות זענען נישט אינגאנצען גילטיג דערצו, אז אלע אנדערע סחורות זאלען אויף זיי אויסגעטוישט ווערען. זייער ווערטה (ווען מען זאל זיי אבשע-צען לויט דער ארבייט, וואס איז געווארען פערברויכט אויף זיי) טוישט זיך פון יאהר צו יאהר, אמאל הויבט ער זיך און אמאל פאלט ער. הייסט עס, אז קיינער קאן קיינ-מאל נישט ווייסען גענוי, וויפיעל ער האט בעקומען פאר זיין סחורה. דאס איז, פער-שטעהט זיך, נישט בעקוועם. נישט בעקוועם איז אויך דאס, וואס די דאזיגע סחורות (ברויט, בהמות, פעל) ווערען באלד פערדארבען, עס איז שווער צו היטען און זיי פער-נעהמען אסך ארט. דעריבער האבען די מענשען סוף כל סוף אנגעהויבען טוישען אלע סחורות אויף בעזונדערע סחורות, וואס דער ווערטה פון זיי טוישט זיך נישט אפט, וואס ווערען נישט אזוי גיך פערדארבען און אסך ארט פערנעהמען זיי אויך נישט. די דאזיגע סחורות זענען געלד אדער זילבער. זיי צו געברויכען פאר'ן אויסטויש-מיטעל לוינט אויך דערפאר, וואס א שטיק געלד אדער זילבער קאן מען צעטיילען אויף קליינע חלקים און יעדער קלענסטער טייל וועט האבען א ווערטה; הייסט עס, אז פאר געלד און זיל-

ווען עס איז שוין געוואָרען געלד, איז אויך לייכטער געוואָרען צו וויסען דעם ווערטה פון אַלע סחורות, עס איז געוואָרען גרינגער זיי צו פערגלייכען איינע מיט די צווייטע לויט זייער ווערטה. אַלע סחורות האָט מען אָנגעהויבען שאַצען אויף געלד. דאָס איז דיזעלבע זאַך, ווי נעהמען אַ וואָג. ווי קאָן מען פערגלייכען, צום ביישפיעל, צוויי שטיינער איינעם מיט דעם צווייטען, כדי צו דערגעהן, מיט וויפיעל איינער איז שווערער פאַר דעם אַנדערען? מען גלייכט זיי ביידע אויס אויפ'ן געוויכט מיט פודען און פונטען. דאָסזעלבע איז אויך מיט געלד: געלד דיענט אויף אויסצומעסטען דעם ווערטה, פונקט אַזוי ווי געוויכטער דיענען אויף צו בעשטימען די שווערקייט.

אָבער מיט געוויכטער קאָן מען דערפאַר וועגען אַנדערע

בער קאָן מען אויסטוישען סיי קליינע זאַכען, סיי גרויסע, סיי טייערע, סיי ביליגע. אויך דאָס איז גוט, וואָס ווען מען דאַרף, קאָן מען די שטיקלעך גאָלד וואדער צונויפשמעלצען, אַנדערע סחורות אָבער, ווען מען זאָל זיי צעהאַקען אָדער צעשניידען, ווערען דורכדעם גופא פערדאָרבען. ווייטער איז זעהר גוט דאָס, וואָס גלייכע טיילען פון אַ שטיק גאָלד אָדער זילבער האָבען איין ווערטה, נישט אַזוי ווי, למשל, פעלען פון חיות, דאָרט איז איין פעל נישט גלייך צום צווייטען. ווען מען זאָל, למשל, זאָגען, אַז אַ קוה קאָסט 5 פיקסענע פעלען. איז דאָס 'נאָך ווענינ; מען מוז נאָך זאָגען, וואָס פאַר אַ פעלען. צוויי פעלכלעך אפילו גלייכע אין מאָס קאָנען האָבען אַ פערשידענעם ווערטה, אָפטמאָל איז אַ גוטע פעל ווערטה דריי קיה. מיט גאָלד אָדער מיט זילבער איז גאָר אַנ'אַנדער עסק! ריינע זילבער איז אַלעמאָל דאָס אייזענע. כדי לייכטער צו קענען אויסטוישען, האָט מען אָנגעהויבען צעהאַקען זילבער אויף שטיקלעך פון גלייכען געוויכט. די צעהאַקטע שטיקער האָבען ביי די רוסען בעקומען אַ נאָמען רובל (פון רובּיט-האַקען) ביי די אַלטע יודען האָבען די שטיקלעך זילבער בעקומען זייער נאָמען פונ'ם וועגען—מען האָט זיי גערופען שקל פון אָנהויב זענען דאָס געווען פשוט שטיקער פון פערשידענער פאָרם; דער נאָך האָט מען זיי אָנגעהויבען מאַכען אַלע אויף איין פאָרם, און כדי מען זאָל נישט אָבנאַרען און נישט אריינמישען אין דעם זילבער עפּיס אַנ'אַנדער זאַך, האָט די מלוכה זיי אָנגעהויבען מאַכען אין אַ בעזונדערען מינץ-הויז מיט דעם צייכען (הערב) פון דער מלוכה און מיט אַ בעזונדערער אויפשריפט. אַנשטאָט נאַקעטע שטיקער זילבער זענען געוואָרען געלד-שטיקער. למשל, אַ רובל איז אַ געלדשטיק מיט אַ בעשטימטע געוויכט (4 זאָלאָט, 21 דאָל.).

זאַכען, ווייל זיי האָבען אַליין אַ געוויכט. דאָסזעלבע איז אויך מיט געלד. דערפאַר טאַקי קאָן מען דורך געלד בעשטימען דעם ווערטה פון אַנדערע סחורות, ווייל עס האָט אַליין זיין ווערטה. געלד ווערט געמאַכט פון זילבער אָדער גאָלד, און די לעצטע זענען גאַנגבאַרע סחורות. זילבער האָט אַ ווערטה נישט בלויז אַלס געלד: זילבערנע כלים, זילבערנע ציהרונג האָט מען פרי-הער אָנגעהויבען צו געברויכען, איידער מען האָט פון זילבער געמאַכט געלד. און דערפאַר האָט מען טאַקי אָנגעהויבען מאַכען פון זילבער געלד, ווייל זילבער איז אַ סחורה מיט אַ פעסטען פרייז, ווייל אויך קליינע שטיקלעך דערפון האָבען אַ גרויסען ווערטה. ווייל עס ווערט נישט פערדאָרבען א. אַז. וו., מיט איין וואָרט, ווייל עס איז אַ זאַך, וועלכע איז זעהר גילטיג דערצו, מען זאָל אויף איהר טוישען אַנדערע סחורות.

אויב אויף צו בעקומען פון דער ערד אַ שטיק זילבער פון 4 זאָלאָטניק, מוז מען האָבען איין טאָג אַרבייט, און אויף מאַכען אַ היטעל מוז מען אויך האָבען איין טאָג — דעמאָלט איז דער ווערטה פונ׳ם היטעל דערזעלבער, וואָס דער ווערטה פונ׳ם שטיק זילבער פון 4 זאָלאָטניק. פון דעם שטיק זילבער מאַכט מען אַ געלדשטיק פון 1 רובל—און דעמאָלט הייסט עס, אַז דער ווערטה פון דעם היטעל איז 1 רובל. אָט אויף אַזאַ אופן ווערט געשאַ-פען געלד. דערפון זעהען מיר, אַז געלד איז אַ סחורה, ווי אַלע איבריגע סחורות, איהר ווערטה ווערט בעשטימט דורך דעם סכום פון אַרבייט, וואָס איז נויטיג, כדי אויסצוגראָבען דעם מעטאַל פון דער ערד און איהם צו בעאַרבייטען. און אַזוי ווי אַ מעטאַל איז אַ סחורה אַ פעסטע, מיט אַ שטענדיגען ווערטה—פערגלייכט מען מיט זיין ווערטה דעם ווערטה פון אַלע איבריגע סחורות, און **די סחורה מעטאַל ווערט געלד.** ווען איך האָב פער-גליכען דעם ווערטה פון ווייץ, האָב איך געזאָגט, אַז 20 אַרשין לייווענט, אָדער 5 אַרשין טוך, אָדער אַ פּאָר שטיוועל זענען ווערטה 4 פוד ווייץ. און ווען איך מעסט-צו דעם ווערטה פון סחורות צום ווערטה פון געלד, זאָג איך: 20 אַרשין לייוועוט, אָדער 5 אַרשין צייג, אָדער אַ פּאָר שטיוועל זענען ווערטה 4 רוב. …יקלעך זילבער). הייסט עס, געלד איז אַזאַ סחורה, וועלכע

ווייזט-אָן דעם ווערטה פון אַנדערע סחורות, אָדער געלד — דאָס איז דער ווערטה-מאָס, אַ מאָסשטאַב אויף דעם ווערטה פון סחורות.

אויפ׳ן מאַרק ווייזט-אָן דאָס געלד דעם ווערטה פון סחורות און דיענט אויך אַנשטאָט אַלע אַנדערע סחורות ביי׳ם טוישען (וואָס פאַר אַ סחורה מען וויל, קאָן מען פאַר געלד קויפען) ד. ה., עס דיענט פאַר אַנ׳אויסטויש-מיטעל פון סחורות. געלד איז אויך אַזאַ סחורה, ווי אַלע אַנדערע סחורות. עס האָט אַ ווערטה נור דערפאַר, ווייל מען מוז אָנווענדען אַרבייט, כדי צו בעקומען די מעטאַלען פון דער ערד: און נור דערפאַר קאָן מען אויפ׳ן מאַרק אַלץ בעקומען פאַר געלד. און קיינער וועט טאַקי נישט וועלען אויסטוישען זיין סחורה אויף אַ פליהענדיגען פויגעל אָדער אויף אַ פאַפירעל, וואָס האָט נישט קיין ווערטה. בלייבט דאָך אָבער די פראַגע: ווי איז די מעשה מיט׳ן פאַפיר-געלד? פאַפיר-געלד איז זעהר לייכט צו מאַכען: אין איין טאָג קאָן מען פאַר-טיג מאַכען צעהנדליגער טויזענד רובל און אויפ׳ן מאַרק קאָן מען דערפאַר בעקומען אַזאַ הויפען סחורה, אין וועלכען עס ליעגט גאַנצע יאָהרען פון אַרבייט, קומט דאָך אויס אַפנים, אַז דער ווערטה פון געלד הענגט לחלוטין נישט אָב דערפון, וויפיעל אַר-בייט מען האָט אָנגעווענדט עס צו מאַכען; דערפון איז דאָך גע-דרונגען, אַז אין פאַפיר-געלד איז בעהאַלטען עפּעס אַנ׳אַנדערמין כח, אויב מען קאָן דערפאַר קריגען סחורה אָהן אַ שיעור אין דער צייט, וואָס די פאַפירלעך אַליין האָבען אַ ווערטה פון אַ צעבראָכענעם גראָשען. דאַכט זיך, אין פלוג אַ גרויסע סתירה; נאָר איילט זיך נישט, מיר וועלען דאָ אויך מסתמא דערגעהן ביז׳ן סוף. נאָכדעם ווי דאָס גאָלד אָדער דאָס זילבער איז אַרויסגע-גראָבען פון דער ערד און געהעריג בעאַרבייט, צעטיילט מען עס אויף געוויסע טיילען און מען מאַכט דערפון געלד-מטבעות. ווען מען דאַרף, צוםביישפּיעל, כדי צו בעקומען אַ שטיק זילבער און מאַכען פון איהם אַ רובל, אַרבייטען אַ גאַנצען טאָג, און אויף פאַרטיג מאַכען הענדשקעס אָדער אַ היטעל ברויכט מען אויך איין טאָג צייט, דאַן וועט זיין דער ווערטה פון דעם היטעל אָדער פון די הענדשקעס 1 רובל זילבער. בקיצור, מען האָט דעם

רובל אַרויסגעלאָזט אויף דעם מאַרק, ער האָט אָנגעהויבען אַרומ-
געהן פון האַנד צו האַנד, איז אויסגעווען אַ וועלט מיט קעשע-
נעס. אַזוי וואָגעלט ער זיך אַרום אַ צעהנדליג יאָהרען, לסוף ווייזט
זיך אַרויס, אַז ער האָט זיין שען פּנים אינגאַנצען פערלוירען.
ער איז געוואָרען צעקראַצט און אָבגעריבען, עס איז קוים קענ-
טיג אויף איהם דער אָדלער און די אויפשריפט. מען וועגט איהם
אָב — האָט ער פערלוירען אַ פיערט-חלק פון זיין געוויכט. הייסט
עס, אין פערגלייך מיט דעם אַלטען איז אין איהם זילבער אויף
אַ פיערט-חלק ווינציגער, דעריבער בעדאַרף דער ווערטה פון דעם
אָבגעריבענעם רובל זיין אויף אַ פיערטעל וועניגער. געהט מען
אָבער אַרויס אין מאַרק, קויפט מען פאַר איהם דאָסזעלבע היטעל
אָדער דיזעלבע פּאָר הענדשקעס, ווי פאַר אַ שפּאָגעל-נייעם
רובל... וואָס-זשע איז דאָ די מעשה? די מעשה איז פשוט. דער
קירזשנער, וואָס פערקויפט זיין היטעל פאַר אַנ'אָבגעריבענעם רובל,
ווייס גאַנץ גוט, אַז דער רובל האָט אין זיך ווינציגער זילבער
איידער אַ נייער, און אַז ער נעהמט נישט פאַר זיין היטעל דעם
גאַנצען ווערטה (נישט 4 זאָלאָטניק, נאָר 3). נאָר דער היטעל-
מאַכער טראַכט ביי זיך אַזוי: איך וועל פון דעם רובל קיין
לעפעל פאַר זיך נישט מאַכען; מיר איז קיין נפקא מינה נישט, וויפיל
ער האָט אין זיך זילבער. פאַר מיר איז נור וויכטיג, אַז עס זאָל
זיין אויף איהם אַ סימן, און דעמאָלט וועל איך קענען דערפאַר
קויפען אַ היטעל אָדער אַ פּאָר הענדשקעס. אַזוי ווי דער עצם
פון געלד איז דאָס, וואָס עס ווייזט-אָן דעם ווערטה און איז אַ
מיטעל צום אויסטויש, דעריבער קוקען אַלע אויפ'ן מאַרק (גלייך
ווי זיי וואָלטען זיך צונויפגערעדט) מעהר נישט ווי אויף די
אויפשריפט, וואָס געפינט זיך אויף די געלדשטיקער. איז דען
פאַרהאַן אַ חילוק דערין, צי עס איז אויפגעשריבען דאָס וואָרט
רובל אויף אַ שטיינדעל אָדער אויף אַ שמאַטקעלע? עס איז גענוג,
אַז אויפ'ן מאַרק זאָלען עס אַלע האַלטען פאַר אַ רובל און מען
זאָל קאָנען קויפען דערפאַר אַ היטעל אָדער הענדשקעס. אָט טאַקי
אויף דעם סמך ווערט בעשאַפען פּאַפּיר-געלד. די רעגירונג הייסט
אָבדרוקען פּאַפּירלעך מיט דער אויפשריפט: „איין רובל זילבער",
„דריי רובל זילבער" א. אַז. וו., און אויפ'ן מאַרק מוזען אַלע

זיי אָנגעהמען, ווי זיי וואָלטען געווען אמת'ע זילבערנע געלד-שטיקער, דאָס איז מעגליך נור דערפאַר, ווייל די סחורה „געלד" ווייזט דעם ווערטה פון אַנדערע סחורות, און אָנווייזען דעם ווערטה פון סחורות קאָן אַ פּאַפּירעל אויך אַזוי גוט, ווי אַ שטיק זילבער. אויף אַזאַ אופן, בלייבט אויפ'ן מאַרק ביסלעכווייז פון דער סחורה „געלד" נישט מעהר ווי אַ צייכען פון איהר ווערטה, אויפגעדרוקט אויף פּאפּיר — אַ פּאַפּירענער צייכען אָדער פּאַפּיר-געלד. די מעטאַל-געלדער אָבער בלייבען ליעגען אין סקלאַדעס, כדי זיי זאָלען אין פערקעהר נישט אָבגעריבען ווערען. אָנשטאָט זיי געהט אַרום איבער דער וועלט דאָס פּאַפּירעל—אויף דעם פּאַפּירעל אָבער איז טאַקי אויפגעשריבען: „ווען מען ווייזט דאָס פּאָר, גיט מען אַרויס פון דער אויסטוישונגס-קאַסע פון דער רייכסבאַנק אַזויפיעל רובל אין גאָלד אָדער אין זילבער". פּאַפּיר-געלד איז אַ צעטעל אויף צו בעקומען אמת'ע זילבער אָדער גאָלד-געלד. און דערפאַר האָט עס אויך זיין ווערטה. און ווען די רעגירונג וואָלט אַמאָל פערשווענדט דאָס זילבער אָדער דאָס גאָלד-געלד, וואָס געפינט זיך אויף די סקלאַדעס, וואָלט טאַקי אַרויסגעקומען אַ גרויס אונגליק. אַ סוחר, למשל, בעדאַרף קויפען סחורה אין אויסלאַנד. אין אויסלאַנד איז פּאַפּיר-געלד נישט אין אַזאַ חשיבות. און ווען מען זאָל דאָרט זיך דערוויסען, אַז אין די אוצרות פון דער מלוכה איז עפּיס ווינציג געוואָרען דאָס אמת'ע געלד, דעמאָלט וואָלט מען דאָס פּאַפּיר-געלד אַפילו פאַר דעם העלפט-מקח נישט גענומען. די אויסלענדער פאָדערען טאַקי אמת'ע גאָלד אָדער זילבער... דעמאָלט וואָלט אונזער סוחר זיך אַ לאָז-געטהון אין די רייכס-באַנק בעטען אַנשטאָט טויזענד פּאַפּיר-רובל טויזענד גאָלדענע; נאָך איהם אַ צווייטער, אַ דריטער און אַ פערטער. סוף כל סוף איז שוין אין דער רייכס-באַנק נישטאָ, אויף וואָס צו טוישען. אָט דעמאָלט שווימט אַרויס דער שווינדעל, ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פּאַפּיר-געלד איז פאַרהאַן אָהן אַ שיעור, נאָר דאָס אמת'ע געלד איז פערשווענדעט. אָבער ווען מען קאָן זיי נישט אויסטוישען אויף אמת'ע געלד, זענען די פּאַפּירלעך נישט ווערטה קיין צעבראָכענעם גראָשען. די קרוין (קאַזנאַ) מוז זיך דעמאָלט מודה זיין, אַז די עסקים איהרע האַלטען

שמאָל. זי הערט-אויף צו געבען פאַר פאַפּיר-געלד דעם גאַנצען סכום זילבער אָדער גאָלד; זי גיט פאַר אַ רובל נישט מעהר ווי 60—70 קאָפּ. און אַמאָל נישט מעהר ווי אַ האַלבען רובל. גאָר דאָסזעלבע, ווי אַ סוחר, וואָס האָט אָנגעזעצט און בעצאָהלט פאַר זיינע וועקסלען 60—70 קאָפּעקעס פאַר'ן רובל.

פשוט'ע און אונגעבילדעטע מענשען פערשטעהען אָפטמאָל נישט, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין דרעה. אָפטמאָלס קומט זיי אויס צו קלאָגען זיך, וואָס אַלע סחורות זענען מיט אַמאָל טייערער געוואָרען, און מען ווייס נישט, פאַר וואָס און פאַר ווען. אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער יקרות איז נישט דערפון, וואָס די סחורות זענען טייערער געוואָרען, נאָר ווייל דאָס געלד איז ביליגער געוואָרען. פון קאַזנאַ האָט מען אַרויסגעלאָזט אַסך פאַפּירלעך, לייכטגלויביגע מענשען האָבען זיי צענומען, און דער-נאָך האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די קאַזנאַ האָט דאָ געמאַכט אַ שווינדעל, אַז זי האָט אַרויסגעלאָזט פאַפּירלעך איבער איהרע כחות; אין אויסלאַנד האָט מען זיך דערפון דערוואוסט, און פאַר דאָס היגע פאַפּיר-געלד גיט מען ווינציגער סחורה, איידער פרי-הער; און ווי נאָר עס הויבען אָן טייערער ווערען די אויסלענ-דישע סחורות, הויבען אָן ביסלעכווייז אויך טייערער ווערען די היגע. אַזוי האָט אויך אין רוסלאַנד די צאַרישע קאַזנאַ אָפטמאָלס אָבגענאַרט איהרע אונטערטאַנען. ווען מען זאָל נעהמען איצט אַן אַלט פינפרובל-שטיק און פערגלייכען עס מיט אַ נייעם, איז לייכט צו זעהן, אַז אין דעם אַלטען איז פאַראַן מעהר גאָלד און ער איז מעהר ווערטה, ווי דער נייער, הגם אויף ביידע איז אויפ-געשריבען דערזעלבער פרייז. און ווען מען זאָל נעהמען גענוי בעטראַכטען, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דאָס אמת'ע געלד און דאָס פאַפּיר-געלד, און ווי אַזוי זייער ווערטה איז געענדערט געוואָרען ביז צום הייגטיגען טאָג, דעמאָלט וועט זיך אַרויסווייזען, אַז די גאַנצע צייט האָט די קאַזנאַ אונמערקליך בעגזל'ט איהרע אונטערטאַנען. עס וואָלט נישט שווער געווען צו זעהן, אַז די פאַלשע-געלד-מאַכער האָבען נישט אויסגעטראַכט זייער מלאָכה, זיי האָבען געהאַט גוטע רביים. דער חילוק איז נור דאָס, וואָס די ערשטע האָט מען פערשיקט קיין סיביר, און די לעצטע לע-

בען אין עושר און אין כבוד, קליידען זיך אין זיידענס און סאַמעט, עסען און טרינקען פון דעם שענסטען אין בעסטען און קוקען נאָך מיט גדלות אויף עהרליכע מענשען.

בקיצור, מעטאַליש געלד — דאָס איז אַזאַ סחורה, וואָס ווייזט-אָן דעם ווערטה פון אַנדערע סחורות. וואָס דיענט פאַר אַ מאָס פונ׳ם ווערטה און עס ווערט אויסגעטוישט אויף אַלע אַנדערע סחורות: עס דיענט פאַר אַ מיטעל צו טוישען סחורות. פאַפּיר-געלד—דאָס איז אַ צייכען פון דעם ווערטה פון מעטאַל-געלד; און מיט דער אַלגעמיינער הסכמה (פריוויליגע אָדער געצוואונגענע) ווערט עס געברויכט אַנשטאָט מעטאַליש געלד ביי׳ם אויסטויש.

4-טער קאַפּיטעל.

נאָכפראַגע און אָנבאָט. קאָנקורענץ.

ביז איצט האָבען מיר גערעדט וועגען דעם פערקויף פון סחורות אופ׳ן מאַרק אָדער וועגען זייער אויסטויש, רעכענענדיג, אַז זיי ווערען פערקויפט אָדער אויסגעטוישט לויט דעם ווערטה ד. ה., לויט דעם סכום אַרבייט, וואָס איז געווען נויטיג, כדי זיי אויסצואַרבייטען. אַזוי האָט עס טאַקי געדאַרפט זיין. נאָר אין אמת׳ן ווערען די סחורות פערקויפט אויפ׳ן מאַרק אַמאָל טייערער און אַמאָל ביליגער פון זייער אמת׳ען ווערטה. לאָמיר אָקאָרשט זעהן, פון וואַנען קומט דאָס. אַ שוסטער האָט אויפגעַנייהט אַפּאָר שטיוועל אין צוויי טעג. ביים פערקויפען האָט ער געדאַרפט בעקומען פאַר זיי 4 רובל זילבער, וועלכע האָבען אויך אין זיך אַ צווייטאָגיגע אַרבייט. ער טראָגט-אַרויס די שטיוועל אויפ׳ן מאַרק. נאָר עס האָט גראָד דעמאָלט געטראָפען, אַז מען האָט אויפ׳ן מאַרק געבראַכט ווענינ שטיוועל, קונים אָבער האָבען זיך איינגעפונען אַגאַנצע מחנה: עס זענען אין יענע מקומות דורכגעגאַנגען סאָלדאַטען; די „קרוינישע" שטיוועל זייערע זענען געוואָרען צעריסען, און זיי האָבען זיך געמוזט קויפען נייע שטיוועל. די אָרטיגע שוסטערס האָבען גאָר נישט געוואָרט אויף

צוזאַ צופאַל און האָבען נישט אָנגעגרייט קיין איבריגע שטיוועל פאַר די אונגעריכטע געסט. און די סאָלדאַטען האָבען זיך גע-לאָזט צו אונזער שוסטער: „וויפיעל קאָסטען די שטיוועל?—4 רובל. איין סאָלדאַט האָט שוין געוואָלט צאָהלען געלד און נעהמען די שטיוועל—שרייט אַנ׳אַנדערער צום שוסטער: איך לעג-צו נאָך צעהן קאָפּעקעס, גיב מיר די שטיוועל.״ — „אויב אַזוי, לעג איך צו 25 קאָפּ.״ שרייט אַ דריטער. „$4_{1}/_{2}$״. „נאַ דיר 5 רוב., און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ געשריי ביז צום הימעל; אונזער שוסטער שטעהט אַ צעטומעלטער און קוקט אין אַלע זייטען, ווי צעמישט. און אָט רוקט איהם שוין אַריין אַ סאָלדאַט אַ פינפערל און חאַפּט די שטיוועל. אונזער שוסטער לאָזט זיך לויפען אַהיים מיט אַ פרייד: אַ געפונענע מציאה—פינף קערבלעך פאַר אַ פאָר שטיוועל. עס האָבען דערהערט דערפון די אַנדערע שוסטערס און זיי טראַכטען ביי זיך: אַהאַ, מען קאָן דאָך דאָ מאַכען גאָר אַ גלענצענד געשעפט, פון איטליכע פאָר שטיוועל אַנ׳איבריגען קערבעל, מען דאַרף זיך אָקאָרשט נעהמען צו דער אַרבייט. און זיי האָבען זיך גענומען מיט אַ ברען צו דער מלאכה און צום קומענדיגען מאַרק האָבען זיי געבראַכט אַ גאַנצען באַרג מיט שטיוועל, רעכענענדיג, אַז זיי וועלען פאַר איטליכע פאָר קריגען אַ פינפערל. נאָר צום סוף לאָזט זיך אויס פון דער מעשה אַ בוידעם: די סאָלדאַטען זענען שוין לאַנג אַוועק, עס זענען בלויז געבליבען די געוועהנליכע קונים, וועלכע דאַרפען נישט האָבען אַזויפיעל שטיוועל. די שוסטערס איז גאָר נישט פרעהליך אויפ׳ן האַרצען. דערווייל האָבען אָבער די קונים דערשמעקט, אַז מען קאָן דאָ אָבלעקען אַ ביינדעל און אַראָברייסען ביי די שוסטערס פון דעם שטענדיגען מקח. עס געהט צו איין קונה: „וואָס קאָסט די פאָר שטיוועל?״ דער שוסטער פערשטעהט שוין לכתחילה, אַז מען קאָן דאָ נישט רייסען קיין הויכע פרייזען, זאָגט ער דעם ריכטיגען פרייז—4 רוב.—„נו, און 3 קאַרבען איז ווינציג?״ אונזער שוסטער הויבט זיך אָן צו בעטען: „איך האָב געהאָרעוועט אויף די שטיוועל צוויי טעג. און דו גיסט מיר דריי רוב., איז ביי דיר פאַרהאַן חאָטש אַ פונק יושר אין האַרצען?״—„ווילסט נישט, דאַרף מען נישט—ענטפערט קאַלטבלוטיג דער קונה, עס איז דאָ

פאַרהאַן נאָך אַסך אַנדערע שוסטער׳ס; דאַנק גאָט, וואָס מען גיט דיר אַזויפיעל. דאָ דערמאָהנט זיך דער שוסטער, אַז אינדערהיים זיצען ווייב און קינדער נישט קיין געגעסענע, און אויב ער וועט נישט אַוועקגעבען די שטיוועל פאַר דריי רוב., וועט זיך געפינען אַנ׳אַנדערער וואָס וועט יאָ אַוועקגעבען, און ער וועט בלייבען זיצען אָהן ברויט. וואָס זאָל ער טהון? בעסער דריי רובל, איידער גאָרנישט—און ער גיט אַוועק די שטיוועל פאַר דריי רוב. דאָסזעלבע טהוען אויך די אַנדערע שוסטערס, וועלכע מוזען האָבען אויף ברויט. יענע אָבער, וואָס האָבען נאָך דערווייל אויף ברויט, וואַרטען מיט זייער סחורה אויף בעסערע צייטען. די שוסטערס האָבען דערזעהן, אַז איצט איז פאַרהאַן צופיעל שטיוועל און ווען זיי זאָלען ווייטער אַרבייטען, וועט מען אַלץ מוזען פערקויפען צו דריי רובל אַפּאָר—האָבען זיי אויפגעהערט צו אַרבייטען: דער איז אַוועק אין אַנ׳אַנדער אָרט, יענער האָט זיך גענומען פאַר אַנ׳אַנדער עסק. און ס׳איז געוואָרען ווינציגער סחורה אויפ׳ן מאַרק: די שוסטערס זענען געוואָרען ביי זיך תקיפ׳ער און האָבען אויפגעהערט אָפּצוגעבען אַפּאָר שטיוועל פאַר דריי רוב., די קונים האָבען געמוזט אָנהויבען צאָהלען טייערער... אַזוי-אַרום זעהען מיר, אַז אַמאָל האָט מען פערקויפט שטיוועל טייערער און אַמאָל ביליגער פון זייער אמת׳ען ווערטה. דער ווערטה פון די שטיוועל איז געבליבען אַלץ דערזעלבער (ד. ה., 4 רוב. אָדער 3 טעג אַרבייט), אָבער זייער מאַרק-פּרייז (וויפיעל מען האָט געצאָהלט פאַר זיי אויפ׳ן מאַרק) איז געווען אַ פערשידענער: אַמאָל 2 רוב., אַמאָל 3 רובל. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז גאָר פשוט. דאָס ערשטע מאָל איז געווען ווענינ שטיוועל אויפ׳ן מאַרק און קונים זענען געווען אַסך; די פאָדערונג, די נאָכפראַגע אויף שטיוועל איז געווען גרויס; געבראַכט האָט מען אָבער ווינציג, דער „אָנבאָט” איז געווען קליין. איטליכער קונה האָט געוואָלט אַריבערשטייגען מיט זיין מקח דעם אַנדערען און ער האָט דערמיט אויפגעהויבען דעם פּרייז, דער פּרייז איז געהעכערט געוואָרען, איטליכער סאָלדאַט האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער אמת׳ער פּרייז פון דעם פּאָר שטיוועל איז 4 רובל. נאָר וויבאַלד ער זעהט, אַז בעלנים אויף דער סחורה איז פאַרהאַן אַסך,

צאָהלט ער בעסער טייערער—און די שטיוועל זאָלען בלייבען ביי איהם. בעסער, איידער געהן באָרוועס! פאַרקעהרט, דאָס אַנדערע מאָל זענען געווען שטיוועל אַסך, אָבער קונים וועניג—דער אָנבאָט גרויס, די נאָכפראַגע קליין. איטליכער פון די פערקויפער בעמיהט זיך צו געפינען ווי-עס-איז אַקונה און לאָזט דעם פרייז אונטער דעם ווערטה פון דער סחורה. דער שוסטער גערעכענט גאַנץ גוט (עס ליעגט איהם גוט אין האַרצען), אַז דער ווערטה פון די שטיוועל איז 4 רוב., נאָר אַ ברירה האָט ער? ער זעהט, אַז בעלנים דערויף זענען פאַרהאַן וועניג, און פערקויפען זיי מוז ער אָהן אַ תירוץ, סיידען שטאַרבען פון הונגער. און עס פאַלט דער פרייז אויף 3 רובל... מיט אַנדערע ווערטער: דאָס ערשטע מאָל, בשעת די נאָכפראַגע איז גרויס און דער אָנבאָט קליין, שטייגען אַריבער די קונים איינער דעם אַנדערען, אָדער ווי מען דריקט זיך אַנדערש אויס, עס קומט-פאָר אַ קאָנקורענץ צווישען די קונים, און די סחורה ווערט טייערער פערקויפט: דאָס אַנדערע מאָל, ווען די נאָכפראַגע איז קליין און דער אָנבאָט גרויס, קומט פאָר אַ קאָנקורענץ צווישען די פערקויפער, און דער פרייז פון דער סחורה פאַלט. אַז דער פרייז פון די שטיוועל האָט זיך געהעכערט ביז 5 רובל, האָט זיך אויך פערגרעסערט זייער פראָדוקציע (האָט מען אָנגעהויבען אויסאַרבייטען מעהר שטיוועל). דאָס הייסט: ווי נור עס האָט זיך פערגרעסערט די נאָכפראַגע, האָט זיך אויך פערגרעסערט דער אָנבאָט. דערנאָך אַז דער אָנבאָט האָט זיך פערגרעסערט, האָט שוין דער פרייז נישט געקאָנט בלייבען שטעהן אויף 5 רובל, ווייל עס איז געוואָרען אַ קאָנקורענץ צווישען די פערקויפער, און דער פרייז האָט געמוזט פאַלען. נאָר ווען דער פרייז איז שוין צו נידעריג געפאַלען, ד. ה., ווען די נאָכפראַגע איז קלענער געוואָרען, האָט מען אויפגעהערט אויסצואַרבייטען אַזוי פיעל שטיוועל, און דער אָנבאָט איז אויך קלענער געוואָרען. עס איז געוואָרען אַ קאָנקורענץ צווישען די קונים, און דער פרייז האָט זיך ווידער געהעכערט. ווען דער פרייז פון שטיוועל האָט זיך אויפגעהויבען העכער פאַר זייער אמת'ען ווערטה (פון 4 אויף 5 רוב.)

האָט זיך אויך פערגרעסערט דערנאָך דער אָנבאָט, און די קאָנ-קורענץ פון די פערקויפער האָט אַראָבגעשלאָגען דעם פרייז. און ווען דער פרייז איז געוואָרען נידעריגער פאַר דעם אמת׳ען ווערטה (פון 4 רובל אויף 3), איז קלענער געוואָרען דער אָנ-באָט, און די קאָנקורענץ פון די קונים האָט געהעכערט דעם פרייז. דאָס בעווייזט אונז, אַז די קאָנקורענץ שטרעבט צוצופיהרען דעם פרייז פון דער סחורה צו איהר אמת׳ען ווערטה (צום סכום פון דער אַרבייט, וואָס איז פערברויכט אויף איהר אויסאַרבייטונג). ווען דער פרייז ווערט העכער ווי דער ווערטה, דעמאָלט טרייבט די קאָנקורענץ פון די פערקויפער דעם פרייז אַראָב, און ווען דער פרייז פאַלט נידעריגער ווי דער ווערטה, דעמאָלט הויבט איהם אויף די קאָנקורענץ פון די קויפער. פון דעם דאָזיגען כלל איז אויך געדרונגען, אַז ווען די נאָכפראַגע און דער אָנ-באָט אויפ׳ן מאַרק זענען גלייך, דעמאָלט איז דער מאַרק-פרייז גלייך צו דעם ווערטה פון די סחורות. ווען אויפ׳ן מאַרק איז דאָ שטיוועל פונקט אַזויפיעל, וויפיעל מען בעדאַרף, און ווען דער ווערטה פון שטיוועל איז 4 רוב., דעמאָלט דאַרפען נישט די קונים העכערן דעם פרייז, ווייל ס׳וועט זיין גענוג שטיוועל פאַר אַלעמען; אויך די פערקויפער דאַרפען נישט אַראָבלאָזען דעם פרייז פון זייער סחורה, כדי עס צו פערקויפען, ווייל זייער סחורה האָט גענוג בעלנים און זי וועט ווערען זיכער פערקויפט. דאָ קומט-פאָר פאַר אונז אַנ׳איינפאַכער טויש, וועגען וועלכען מיר האָבען גערעדט אין פריהערדיגען קאַפּיטעל,—אַ טויש אָהן וועל-כער עס איז ווירקונג פון קאָנקורענץ.

בקצור: ווייל די מענשען פיהרען איטליכער זיין בעזונ-דערעווירטשאַפט, קומט פאָר אַ טויש פון סחורות; איבער דער-זעלבער סיבה קאָנען די מענשען אויך נישט וויסען, וועלכע און וויפיעל סחורה איז גראָד צו דער צייט נויטיג און דערפון קומט אַרויס דאָס, וואָס די נאָכפראַגע און דער אָנבאָט זענען אָפט נישט גלייך, און דאָס לעצטע ברענגט מיט זיך קאָנקורענץ אָדער צווי-שען די פערקויפער אָדער צווישען די קויפער: די קאָנקורענץ פון קויפער העכערט דעם פרייז פון די סחורות, די קאָנקורענץ פון די פערקויפער וואַרפט איהם אַראָב, בכלל אָבער דערנעהנ-

טערט די קאָנקורענץ דעם מאַרק-פּרייז פון די סחורות צום אמת׳ען ווערטה און זי שטרעבט אויסצוגלייכען די נאָכפראַגע מיט׳ן אָנבאָט. ווייטער וועלען מיר זעהן, וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט די קאָנקורענץ אויף די ווירטשאַפטליכע אָרדנונגען פון דער געזעלשאַפט און ווי אַזוי זי פיהרט כסדר די אַרבייטער צו הונגער, אָרימקייט און צו אַלע צרות...

5־טער קאַפּיטעל.

„אַ ר ב י י ט ס - ה ע נ ד".

אין אונזער ביזאַהעריגען שמועס וועגען דעם טויש פון סחורות, האָבען מיר אַלץ משער געווען, אַז עס טוישען-אויס און פערקויפען זייערע סחורות די מענשען, וועלכע אַרבייטען אַליין זיי אויס. דער וועבער פערקויפט לייוועגט, וואָס ער האָט אַליין אויסגעוועבט אויף זיין אייגענעם וועבשטוהל פון זיינע אייגענע פאָדים; דער ערד-אַרבייטער פערקויפט ווייץ פון דער ערד, וועלכע ער האָט געאַקערט מיט זיין אייגענער סאָכע און פערזייהט מיט זיינע אייגענע קערנער א. אַז. וו. איז אָבער אין דער היינטיגער וועלט די מעשה אַזוי? ניין: עס פערקויפען זיידענס, ציץ, צייג די פאַבריקאַנטען, וועלכע האָבען אפשר קיין פינגער נישט צוגעלעגט אויף אויסצואַרבייטען די דאָזיגע סחורות. נוויין פערקויפט דער ערד-בעזיצער (דער שררה), וועלכער האָט אפשר קיינמאָל נישט געזעהן, ווי אַזוי ווייץ וואַקסט. וואו האָבען זיך אַהינגעטהון יענע, וועלכע האָבען די סחורות אויסגעאַרבייט; וואו זענען זיי, די אַרבייטער, וואָס דורך זייער שווערע פּראַצע זענען פערטיג געוואָרען די אַלע טייערע זאַכען, וואָס מיט זייער בלוט און שווייס זענען דורכגעווייקט די אַלע רייכטימער? קוק זיך נור גענויער אַרום, אָט זענען זיי! אָט האָבען זיי זיך צונויפגעקליבען, „די וואָס בויען די הייזער און נייהען די קליידער", דאָ גופא אויפ׳ן מאַרק. זיי האָבען אויך אַרויסגעבראַכט אויפ׳ן מאַרק אַ סחורה, אָבער נישט די סחורה, וועלכע זיי האָבען צוגעגרייט מיט זייערע הענד. אָ, ניין! די דאָזיגע סחורה האָבען

שוין לאנג די פאבריקאנטען און די פריצים ארייגעכאפט אין זייער רשות. די ארבייטער האנדלען מיט אנ'אנדער מין סחורה: זיי האבען געבראכט אויפ'ן מארק צום פערקויף זייערע „הענד", זייער מארך פון די ביינער... ווי אזוי איז דאס געווארען, וואס ביי די ארבייטער זענען אבגענומען געווארען די פראדוקטען, וועלכע זענען אויסגעארבייט געווארען מיט זייער פראצע? פאר וואס טראגען זיי ארויס אויפ'ן מארק נישט דעם פראדוקט פון זייער ארבייט, נאר זייערע „הענד"? א לאנגען לאנגען וועג, פול מיט גזלות און רציחות פון איין זייט—הונגער און פיין פון דער אנדער זייט, האט די מענשהייט געמוזט דורכגעהן, איידער זי איז געקומען צו אזא צושטאנד. לאמיר יעצט דורכלעזען די טרויריגע מגילה פון דער מענשליכער געשיכטע.

פאר אונזערע אויגען ערשיינט א געמיינדע פון ערד-ארבייטער. שוין פון לאנג-אן האט זי זיך בעזעצט אויף דער פעטער שווארצער ערד, וואס גיט פיעל תבואה. דורך דער פונאנדערטיילונג פון דער ארבייט ווערט די געמיינדע פערזארגט מיט אלע נויטוועדיגע פראדוקטען. אויסטוישען ביי אנדערע געמיינדעס ברויכט זי בלויז שטיקער אייזען און קופער פאר פערשידענע געצייג. בשלום ובשלוה לעבט די געמיינדע. אלע ארבייטען און אלע לעבען רוהיג און צופרידען. אבער נישט אלע געמיינדעס איז אויסגעפאלען אזא גליקליכער גורל. איינע האט זיך בעזעצט אין א זומפיג ארט; זי האט גראד קיין בעסערס נישט געפונען; א'נאנדערע—אין א געדיכטען וואלד. ברויט איז פארהאן וועניג; די בעפעלקערונג אבער פערמעהרט זיך. מען וואלט געקאנט איינפיהרען ביי זיך עפעס א מלאכה, שמידעריי צום ביישפיעל, אדער עפעס אנדערש, נאר אין יענער אלטער צייט, פונקט אזוי ווי איצט, זענען געווען אסך בעלנים אויף פרעמד גוטס, ווער עס איז געווען ביי זיך מעהר שטארק, דער האט אלעמאל געקאנט אויספירען וואו און ביי וועמען זענען נישטא קיין „שטארקע שלעסער", און דעמאלט—אך און וועה דעם שוואכען! צום ביישפיעל, די איינוואוינער פון א וואלד-געמיינדע זע-

העֶן, אַז עס פעהלט זיי אויס ברויט, וואָס-זשע טהוט מען? די מעהר מיושב׳דיגע מענשען גיבען אַזאַ פאָרשלאָג: „ברידער, ביי אונז אין וואַלד זענען פאַרהאַן אַסך לינדען (ליפעס), לאָמיר אַראָברייסען פון זיי די קאָרע, לאָמיר אָנפלעכטען דערפון לאַפּצעס און ראָגאָזשעס און פון דעם האָלץ מאַכען טונען, לעפעל, בינ-שטאָקען—און דאָס אַלץ וועלען מיר אויסטוישען ביי דער רייכער געמיינדע אויף ברויט“. נאָר אין דער געמיינדע געפינען זיך אַסך אַזעלכע, וואָס פיהלען נישט קיין טעם אין פלעכטען לאַפּצעס, זיי ווילט זיך ווי-עס-איז אויף אַנ׳אַנדער אופן פערחאַפּען רייכטימער. דאָ חאַפּט זיך אַרויס דער גרעסטער עזות-פנים מיט אַזאַ מין רעדע: טיפּשים זענט איהר, אמת׳ע חמורים! צי רעכענט איהר טאַקי, אַסך צו פערדיענען מיט אַייערע לאַפּ-צעס? פון אייער גאַנצער האָרוואַניע און אייער שוויצען וועט איהר האָבען מכות: איהר וועט סיי-ווי פון הונגער שטאַרבען און איהר וועט פון אַ גוט לעבען קיינמאָל נישט וויסען. איך האָב אַ בעסערען פּלאַן: מיר זענען אַלע יונגען מיט ביינער, לאָמיר בעסער געהן אויף מלחמה מיט דער רייכער געמיינדע און לאָמיר ביי איהר אָבנעהמען איהר גוטס, עס זאָל קלעקען פאַר אונז אויף אַ גאַנץ יאָהר. ווייבערשע נשמות מעגען זיך זי-צען אין דערהיים און פלעכטען לאַפּצעס, וויפיעל זייער האַרץ גלוסט“. די דאָזיגע רייד זענען די וואַלד-מענשען געפעלען און זיי האָבען בעשלאָסען צו געהן אויף מלחמה. מען בלאָזט אין טרומייטען, מען רופט-צונויף דעם גאַנצען עולם און מען לאָזט זיך אין וועג אַריין. אויף די ערד-אַרבייטער-געמיינדע איז פּלוצ-לונג געקומען אַנ׳אונגליק. זיי האָבען דערהערט וועגען די נישט-געבעטענע געסט און זיי קלויבען זיך צונויף, כדי צו פערטיי-דיגען ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט זייער האָב און גוטס. די פיינד זענען אָנגעקומען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ בלוטי-גע שלאַכט. לאַנג האָט עס געדויערט, נאָר די וואַלד-מענשען זענען געווען מעהר און איבער׳ן הונגער זענען זיי געווען גרי-מיג, און זיי האָבען געזיעגט. פון די ערד-אַרבייטער איז געוואָ-רען אַ תל: אַ טייל פון זיי איז דער׳הרג׳עט, אַ טייל צעלאָפען אין די וועלדער. די זיעגער האָבען צוגענומען דאָס גאַנצע פערמע-

גען פון דער געמיינדע, געפאַנגען די ווייבער און קינדער. און זיך אומגעקערט אַהיים מיט אַ גרויסען רויב. זייער אָנפיהרער האָט זיך געשלאָגען ווי אַ העלד און געטויט אַסך פיינד. דערפאַר האָבען איהם זיינע חברים אָבגעגעבען כבוד און איהם איינגעטיילט פון דעם רויב אַ גרעסערען חלק איידער אַלעמען. די וואַלד-מענשען איז דאָס רויב-געשעפט געפעלען. זיי נעהמען זיך שוין נישט פאַר קיין אַנדער עסק: זיי זייהען נישט, זיי שניידען נישט, און האָבען אַלדאָס גוטס לרוב, נאָכדעם ווי זיי האָבען אויפגעגעסען דאָס אָנגערויבטע, האָבען זיי זיך אַוועקגעלאָזט אויף אַ נייעם רויב-אָנפאַל. און פערשטעהט זיך, פאַר אַן אָנפיהרער האָבען זיי אויסגעקליבען דעמזעלבען, וועלכער האָט דאָס ערשטע מאָל געמאַכט דעם פאָרשלאָג צו געהן אויף קריעג און וועלכער האָט דאָס אויסגעפיהרט אויפ'ן בעסטען אופן. די וואַלד-מענשען האָבען נאָך אַן אָנפאַל געמאַכט און ווידער האָט ער זיי זיך איינגעגעבען אַדאַנק דער בריה'שאַפט פון דעם אָנפיהרער: זיי האָבען ווידער אָנגערויבט אַסך גוטס. דעם אָנפיהרער האָט מען ווידער איינגעטיילט דעם גרעסטען חלק פון רויב און מען האָט אָנגעהויבען איהם אָבגעבען כבוד גאָר אָהן מאָס. ביסלעכווייז האָט דער דאָזיגער אָנפיהרער אָנגעהויבען „קאָמאַנדירען" נישט בלויז בשעת מלחמה, נאָר אויך אין צייטען פון שלום. פון איטליכען רויב-אָנפאַל בלייבט ביי איהם אַסך גוטס, ער קלויבט צונויף אַרום זיך אַ גאַנצע מחנה לעדיג-געהערס, וועלכע ער האַלט אויס פון זיין פערמעגען מיט קעסט און קליידער, און פערשטעהט זיך, אַז די דאָזיגע מענשען פאָלגען איהם אין אַלץ, וואָס ער הייסט זיי, און זיי ווערען זיינע זעלנער. יעצט קאָן שוין דער אָנפיהרער מיט דער הילף פון די דאָזיגע זעלנער אָנהויבען הערשען איבער דער גאַנצער געמיינדע. „פאָלג מיך מיט גוטען,—זאָגט ער,—ווען נישט, וועט איהר ערגער מאַכען" און זיינע געגנער וועלען שוין דורך די זעלנער אַנגעלערנט ווערען אַזוי, אַז זיי זאָלען געדענקען אויף קינדס-קינדער. און דער אָנפיהרער ווערט אַ בעל-הבית איבער דער גאַנצער געמיינדע. אויף אַלץ לעגט ער אַרויף זיין לאַפּע, אומעטום זאָגט ער די ברייטע דעה. אויף אַזאַ אופן ווערט דאָס רויב געשע-

פען די געזעלשאַפטליכע מאַכט, די אויבערהערשאַפט. דער שטאַרק-
סטער און קליגסטער פון די דאָזיגע אָנפיהרער נעהמט אַרונטער
אונטער זיין ממשלה אַסך געמיינדעס קלויבט צונויף אַסך זעלנער
און לאָזט זיך אַוועק, פיהרען קריעג אויפ׳ן ברייטען שטייגער.
אַנטקעגען איהם קאָן שוין קיין איין פויערים-געמיינדע נישט בע-
שטעהן; וואו ער קומט, מאַכט ער אַלץ חרוב ומוחרב. די פויערים
זעהען, אַז עס איז געקומען זייער סוף, אַז עס איז נישטאָ קיין
מאַכט וואָס זאָל זיי מציל-זיין פון די הענד פון דעם דאָזיגען
רויבער,—פאַלען זיי סוף כל סוף אויף אַזאַ המצאה. זיי שיקען
צו זייערע בעדריקער שליחים מיט אַזאַ פאָרשלאָג: „מעכטיגער
אָנפיהרער! ווי לאַנג נאָך וועסטו אונז ראַבירען און הרוב מאַ-
כען. בעסער נעהם פון אונז איטליכס יאָהר אַ בעשטימטע אָב-
צאָהלונג, און לאָז אונז צורוה. פאַר דיר אַליין איז דאָס אויך
בעסער: איצט, ווען דו מאַכסט פון אונז מיט אַמאָל אַ תל, האָסטו
שוין נישט מעהר וואָס ביי אונז צו נעהמען; ווען דו וועסט
אָבער איינשטימען אויף אונזער פאָרשלאָג, בעקומסט דו יעדעס
יאָהר פון אונז דיין אָבצאָהלונג, און מיר וועלען דיינע געטרייע
דיענער זיין.״ דער אָנפיהרער פערשטעהט, אַז די פויערימס פאָר-
שלאָג איז פאַר איהם גאָר נישט קיין קרומע זאַך, נאָר ער מאַכט
זיך כלא ירע, ווי נישט איהם מיינט מען דאָס, און זאָגט צו זיי
מיט רוגזה: „הגם מען וואָלט אייך אייגענטליך בעדאַרפט עוקר
מן השורש זיין, אַז אפילו אייער פאַרע זאָל נישט בלייבען,
פונדעסטוועגען וועל איך איבער מיין גוט האַרץ זיך בעגעהן מיט
אייך מיט חסד; איך וועל אייך מעהר נישט ראַבירען, נאָר איהר
מוזט מיר צאָהלען גרויסע אָבצאָהלונגען. אָבער געדענקט, איהר
זענט מיינע קנעכט, און וואָס איך וויל—דאָס קאָן איך טהון מיט
אייך. די פויערים האָבען דערויף גאָרנישט געענטפערט, האָבען
זיך שטום געבוקט פאַר איהם ביז צו דער ערד און זענען אַוועק
אַהיים מיט אַ שמחה. דער אָנפיהרער (פאַר איהם ווערט שוין גע-
שאַפען אַ נייער נאָמען: פירשט א. ד. גל.) האָט איצט אָנגעהוי-
בען לעבען מיט פראַכט און לוקסוס. ער פאָהרט אַרום מיט זיינע
זעלנער פון איין געמיינדע אין די צווייטע, קלויבענדיג די אָב-
צאָהלונגען; אומעדום, וואו ער קומט נור, גיבען איהם אַלע אָב,

אויס פחד, דער גרעסטען כבוד. זעהענדיג, ווי זיין מאַכֿט וואַקסט, הויבט-אָן דער פירשט צו פערגעסען, אַז ער איז אויך אַזאַ מענש, ווי אַלע. ער פערגעסט שוין, אַז זיין גאַנצע ממשלה האָט ער בעקומען דורך רו״ב און מלחמה, און ער צווינגט, אַז אַלע זאָלען גלויבען, אַז זיין מאַכֿט איז פון גאָט. ער פאָדערט, מען זאָל איהם פאָלגען אין אַלץ, און האַלט אַז די ערד, די מענשען מיט זייער האָב-און-גוטס זענען לחלוטין זיין אייגענס, און ער קאָן מיט דעם אַלעם זיך בעגעהן לויט זיין ווילען. מיט אַ יאָהר טויזענד צוריק זענען געווען אין רוסלאַנד, צום ביישפּיעל, אַסך אַזעלכֿע פירשטען, וועלכֿע פלעגען בערויבען דאָס פאָלק און נעהמען פון איהם אָבצאָהלונגען. איינגעהמענדיג עטליכע געמיינדעס, פלעגט דער פירשט מאַכֿען פון זיי אַ פירשטענטום. נאָר ענג איז באַלד די פירשטען געוואָרען און זיי האָבען אָנגעהויבען פיהרען מלחמות איינער מיט דעם צווייטען. זיי פלעגען אָנפאַלען איינער אויף דעם צווייטענס פירשטענטום, און פלעגען רויבען און מאָרדען, ברענען און הרוב-מאַכֿען; איטליכער פלעגט זוכֿען ווי-עס-איז מיט שווינדעל צי מיט קראַפט הרג׳ענען זיין געגנער און פערנעהמען אַליין דאָס גאַנצע לאַנד. מעהר פון 400 יאָהר האָבען געדויערט די קריגען; בלוט האָט זיך געגאָסען טייכענווייז, און די מענשען פלעגען זיך צעלויפען אין אַלע זייטען. צום סוף האָט זיך איינגעגעבען איינעם פון די פירשטען אַריינצוכאַפּען די אויבערהערשאַפט איבער אַלע איבריגע: דעם גע׳הרג׳עט, יענעם פערשיקט, די אַלע איבריגע האָבען פאַר פחד איהם אָנערקענט פאַר אַ צאַר. עס איז געשאַפען געוואָרען דאָס קעניגרייך פון מאָסקווע. דער צאַר פון מאָסקווע האָט גערעכֿענט דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק מיט דער גאַנצער ערד, וועלכֿע עס בעוואוינט און בעאַרבייט, פאַר זיין פאָלשטענדיג אייגענטום. און האָט בעל-הבית׳עוועט איבער דעם, ווי ער האָט נור געוואָלט. נאָך אין די פריהערדיגע צייטען פלעגען די פירשטען געוועהנליך גאַנצע געמיינדעס אַוועקגעבען במתּנה צו זייערע זעלנער פאַר זייער טרייען דיענסט. און די דאָזיגע געמיינדעס האָבען געמוזט אַריינטראָגען גרויסע אָבצאָהלונגען דעם נייעם בעל-הבית, און יענער פון זיין זייט האָט געצאָהלט דעם פירשט. עס פערשטעהט זיך, אַז אין

פערגלייך מיט די פריהערדיגע זענען איצט די אָבצאָהלונגען גע-
וואָרען אַסך שווערער. ווען די מאָסקווער מלוכה האָט זיך איינ-
געשטעלט, האָט דער צאַר פון מאָסקווע, פונקט ווי די פריהער-
דיגע פירשטען, אַלץ ווייטער פונאַנדערגעטיילט די געמיינדעס
צווישען זיינע באָיאַרען (שרים) און הויף-דיענער פאַר זייער
טרייען דיענסט. די באָיאַרען האָבען דערפאַר געמוזט ארויסשטע-
לען אַ בעשטימטע צאָהל סאָלדאַטען פון איטליכער געמיינדע אין
מלחמה-צייט און צאָהלען אַ נאַלאָג אין די מלוכה-קאַסע. די באָ-
יאַרען, פערשטעהט זיך, האָבען זיך געגעבען די מיה אַרויסצוצי-
הען פון זייערע געמיינדעם וואָס מעהר איינקונפט און זיי האָ-
בען שטאַרק געדריקט די פויערים. ווידער יענע פויערשע גע-
מיינדעס, וועלכע זענען נישט איבערגעבען געוואָרען די באָיאַ-
רען, האָבען זיך גערעכענט פאַר אַנ'אייגענטום פון צאַר און זיי
זענען געוואָרען פערוואַלטעט דורך דעם צאַר'ס פריקאַזטשיקעס.
אַזוי ווי די פויערים איז אויסגעקומען זעהר שווער צו ליידען פון
די צאַרישע און באָיאַרישע אונטערדריקונגען, האָבען זיי אָנגע-
הויבען זיך פונאַנדערצעלויפען פון זייערע וואוינ-ערטער און זוכען
נייע פלעצער, וואוהין די שליטה פונ'ם צאַר און זיינע משרתים
זאָל זיי נישט דערגרייכען. די געמיינדעס פון די באָיאַרען האָבען
אָנגעהויבען ווערען לעדיג. דאָס איז די באָיאַרען געווען שטאַרק
נישט צום האַרצען, און זיי האָבען אָנגעהויבען זיך קלאָגען פאַר'ן
צאַר, אַז דאָס פאָלק לויפט-זיך-פונאַנדער, און זיי איז שווער צו
דיענען דעם הערשער ווי געהעריג. און צוגעהערט האָט זיך דער
צאַר צו דעם קול פון די באָיאַרען. ביסלעכווייז האָבען זיי אָנ-
געהויבען בעגרענצען די פרייהייט פון די פויערים אַריבער-
צוגעהן פון איין געמיינדע אין די צווייטע; די פויערים איז דאָס
ערלויבט געוואָרען צו טהון בלויז צוויי מאָל אין יאָהר. און
דערנאָך האָט איינער פון די צאַרען פערבאָטען איינמאָל פאַר
אַלעמאָל די פויערים אַריבערצוגעהן פון איין געמיינדע אין די
אַנדערע, ער האָט זיי צוגעבונדען צו דער ערד. די פוי-
ערים זענען דעמאָלט מיט גוף און נשמה איבערגעגעבען געוואָ-
רען אין רשות פון די פריצים. אַנ'ערך פון 800 יאָהר האָט גע-

דויערט די דאָזיגע קנעכטשאַפט פון די פויערים: וויפיעל ליידען און יסורים די פויערשאַפט האָט איבער דער גאַנצער צייט אי־בערגעטראָגען, דאָס ברויך איך דאָ נישט צו דערצעהלען; עס איז נאָך נישט אויסגעשטאָרבען אינגאַנצען דער דור פויערים, וועלכער האָט נאָך אויף זייערע אייגענע פלייצעס געטראָגען דעם שווע־רען יאָך.

נישט איין מאָל איז דאָס גאַנצע פאָלק אויפגעשטאַנען גע־גען זיינע אונטערדריקער. נאָר די פאָלקס־מאַסען זענען נישט גע־ווען אָרגאַניזירט, און דערפאַר זענען די אונטערדריקער געבליבען די זיעגער. אַ גאַנצען ים פון בלוט האָבען זיי פערגאָסען און אין איהם דערטרונקען דעם אויפשטאַנד פון די פויערים. אין יאָהר 1861 זענען די פויערים ענדליך באַפרייט געוואָרען פון דער פּאַנשטשיזנע (לייב־אייגענטום). עס איז דעמאָלט געווען אַ יום־טוב אין גאַנץ רוסלאַנד. מען האָט געדאַנקט און געלויבט „דעם צאַר דעם באַפרייער", וועלכער האָט צוריקגעגעבען די פוי־ערים זייער אַמאָליגע פרייהייט... נו, און די ערד? די ערד, וועלכע דאָס פאָלק האָט פון דור צו דור אָנגעטרענקט מיט זיין שווייס און בלוט, די ערד, וואָס פון אייביג אָן איז זי געווען און מוז זיין דאָס אייגענטום פון די פויערים,—צו האָט מען אויך זי באַפרייט פון די פריצים און איבערגעגעבען די פויערים? ניין! די ערד איז אָנערקענט געוואָרען אַלס אייגענטום פון די פריצים, און מען האָט זי ביי זיי געמוזט אויסקויפען. צו האָט מען, ווע־ניגסטענס, געלאָזט די פויערים אויסקויפען די גאַנצע ערד, וועל־כע זיי האָבען באַאַרבייט? ווידער ניין! דען וואָס וואָלטען דעמאָלט געטהון די פריצים? מען האָט דאָס געשעפט אָבגעאַרבייט אַסך קונציגער. די ערד־בעזיצער האָבען איינגעטיילט די פויערים די ערגסטע שטיקער ערד און האָבען זיי געצוואונגען צאָהלען דער־פאַר אויסקויף־געלד, און פאַר זיך האָבען זיי געלאָזט די בעסטע ערד. די חלקים, וואָס מען האָט געגעבען די פויערים, זענען גע־ווען קליינע, און די פויערים איז אויסגעקומען צודינגען ערד ביי די פריצים. און אַז עס האָט זיך פערמעהרט די בעפעלקע־רונג, זענען די ערד־חלקים פון די פויערים נאָך קלענער געוואָ־

רען. און אַזוי ווי די אָבצאָהלונגען זענען צו-גרויס, לוינט מעהר נישט פאַר דעם פויער צו האַלטען די ערד. אַלץ, וואָס ער נעהמט אַרויס פון זיין חלק ערד, גיט ער אָב דעם פריץ, און ער אַליין געהט-אויס פון הונגער. און אויך איצט, פונקט אַזוי ווי פריהער, איז דער פויער געצוויטיגט צו אַנטלויפען פון זיין דאָרף, איבערלאָזענדיג זיין ערד אין די הענד פון די תקיפים פון דאָרף. נאָר וואו קאָן זיך אַהינטהון דער פויער, וואָס פער-לאָזט זיין נחלה? קיין פרייע ערד איז איצט נישטאָ, און מען קאָן איצט נישט גרינדען קיין נייע ערדאַרבייטער-געמיינדעס. און די פויערים וואָס פערלירען זייערע נחלאות, צו זיי ווילען אָדער נישט, מוזען זיך פערדינגען אויף אַרבייט צום ערד־בעזיצער אָדער אָנקומען אין אַ פאַבריק. דער הונגער, וועלכער שוועבט ווי אַ מלאך רע איבער׳ן קאָפּ פון דעם פויער, טרייבט איהם אין די לאַפּעס פונ׳ם ערד־בעזיצער אָדער פאַבריקאַנט, וועלכע וואַר-טען טאַקע נור דערויף. אָנקומענדיג צום ערד־בעזיצער אַלס אַר-בייטער, בעאַרבייט דער פויער די אייגענע ערד, וועלכע עס האָבען נאָך בעאַרבייט זיינע עלטער-עלטער-זיידעס. נאָר דער פּראָדוקט פון זיין אַרבייט קומט אַריין נישט צו איהם אין די הענד, נאָר אין די שפּייכלער פון דעם ערד־בעזיצער. דעם אַר-בייטער בלייבט נור די קליינע שכירות, מיט וועלכער ער קאָן קוים אויסהאַלטען זיך און זיין פאַמיליע. אָט דערפאַר פערקויפט דער ערד־בעזיצער אויפ׳ן מאַרק דעם ווייץ, אויף וועלכע ער האָט נישט געהאָרעוועט, און דערפאַר פערקויפט דער אַרבייטער דעם אייגענעם פריץ זיינע „הענד", מיט וועלכע עס ווערט אויס-געאַרבייט גוזמאות ווייץ... אַלץ פאַר דעם פריץ.—

מיר האָבען דאָ אָקאָרשט געזעהן, ווי אַזוי דער ערד־אַרביי-טער איז געוואָרען מגולגל אין „אַרבייטס-הענד" פאַר דעם ערד-בעזיצער. איצט לאָמיר אַ קוק טהון, וואָס איז געוואָרען מיט דעם בעל-מלאכה.

נישט גרינג איז אין אַמאָליגע צייטען געווען דאָס לעבען פון די קליינע געמיינדעס. מיט עסענוואַרג האָט די געמיינדע ווי-עס-איז זיך געקאָנט נאָך בעזאָרגען; נאָר שווער איז געווע

צו בעוואָרענען זיך פון אויסוואַניגסטע שוגאים. אָפט פלעגען די שונאים מאַכען אויף איהר אָנפאַלען און צעשטערען זי ביז צום גרונד. כדי ווי-עס-איז צו פערטיידיגען זיך געגען אַזעלכע איבערפאַלען, האָבען די קליינע געמיינדעס זיך געמוזט צוזאַמענ-נעהמען עטליכע אינאיינעם. אַמאָל האָט די נויט פעראייניגט די ווילדע מענשען אין געמיינדעס, און איצט האָט זי פעראייניגט עטליכע קליינע געמיינדעס אין איין גרויסע: עס ווערען געשאַפען שטעדט. אַ גרעסערע צאָהל איינוואוינער האָט מעהר מעגליכקייט זיך צו פערטיידיגען געגען דעם פיינד, איידער די פונאַנדערגעוואָרפענע געמיינדעס.

אַרום דער שטאָדט בילדען זיך פאָרשטעדט: דאָס זענען קליינע געמיינדעס, וואָס זייערע מיטגלידער כאַפען זיך אַריין אין שטאָדט אין אַ צייט פון סכנה. די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט אין יעדער געמיינדע רופט אַרויס די ערשיינונג פון בעלי-מלאכות: שוסטערס, שניידערס, שמיעדען און אַנדערע. נאָר אין אַ קליינער געמיינדע איז די צאָהל פון די בעלי-מלאכות ממילא קליין. ווען פאַר דער געמיינדע איז גענוג איין שמיעד, דעמאָלט מוז יעדער איבריגער שמיעד אָדער איבערפאָהרען אין אַן'אַנ-אַנדער געמיינדע, אָדער זיך נעהמען פאַר אַן'אַנדערער מלאכה. אַנדערש איז אין אַ שטאָדט: איינוואוינער זענען פאַראַן אַסך; חוץ דעם קומען נאָך די אַרומיגע געמיינדעס אין שטאָדט אויפ'ן מאַרק אויסטוישען זייערע סחורות. דערפאַר ווערען אַלע סחורות, וועלכע די בעלי-מלאכות אַרבייטען-אויס, געפאָדערט אין גרויסע סכומים, און דעריבער זוכען זיי בעלי-מלאכות טאַקי אַריבערצופאָהרען אין שטאָדט, און נור אין שטאָדט בליהען-אויף אַלע מלאכות. איטליכער בעל-מלאכה בעדאַרף האָבען אַלע אינסטרומענטען, וועלכע זענען נויטיג צו זיין מלאכה; ער מוז האָבען געלד אויף צו קויפען מאַטעריאַל פאַר זיין פראָדוקט—מיט איין וואָרט, ער מוז האָבען אַרבייטס-געצייג און פראָדוקציאָנס-מיטלען.

עס קומט, צום ביישפיעל, אין שטאָדט אַ שלאָסער: ער האָט מיט זיך אַלע זיינע אינסטרומענטען, ער אָרדנעט-איין זיין

ווערקשטאט און שטעלט זיך אַרבייטען. אַ בעל-מלאכה איז ער אַ גוטער, און עס געהט איהם גאָר נישקשה'דיג. נאָר אָט האָט זיך געטראָפען מיט איהם אַן אומגליק: ער האָט זיך אויסגע-גליטשט און צעבראָכען אַ פוס. אַרבייטען קאָן ער נישט, אָבער עסען מוז מען. ער עסט-אויף דאָס ביסעל מזומן-געלד, וואָס ער האָט אָנגעקליבען, נאָר אַרבייטען קאָן ער נאָך אַלץ נישט. וואָס-זשע קאָן ער טהון? עס קומט איהם אויס צו פערקויפען זיינע אינסטרומענטען. עס ווילט זיך אפילו שטאַרק נישט געזעגענען מיט זיי, נאָר וואָס זאָל מען טהון? און אַזוי האָט ער געפטר'ט זיינע אינסטרומענטען, און דערנאָך אַז ער איז שוין געוואָרען געזונד איז נישט געווען מיט וואָס צו אַרבייטען. אונזער שלאָ-סער געהט צו זיינעם אַ בעקאַנטען שלאָסער בעטען, ער זאָל איהם באָרגען אויף אַצייט זיינע אינסטרומענטען און אגב בעט ער יע-נער זאָל איהם איבערגעבען אַ שטיקעל אַרבייט, ווייל ביי יענעם זענען אַלעמאָל דאָ גענוג בעשטעלונגען. נאָר צום אומגליק איז יענער שלאָסער געווען אַ מענש, וואָס האַלט פון כלל, אַז האַנ-דעלשאַפט איז נישט קיין ברודערשאַפט. ער האָט גלייך פער-שטאַנען, ביי וואָס דאָס האַלט, און זאָגט צו אונזער שלאָסער: „ניין, גוטער ברודער, קיין אינסטרומענטען וועל איך דיר נישט געבען; נאָר ווען דו ווילסט, קאָן איך דיר טהון אַ טובה, דו שטעל זיך אַוועק אַרבייטען ביי מיר, איך האָב אַלעמאָל אַסך אַר-בייט; איך וועל דיר פאַר דיין אַרבייט צאָהלען, נאָר די סחורה, וועלכע דו וועסט אויסאַרבייטען, וועט געהערען מיר." אונזער שלאָסער האָט גלייך פערשטאַנען, וואָס איז דער מיין פון דעם דאָזיגען „בעל-טובה", נאָר ס'איז נישטאָ קיין ברירה, בשעת דער הונגער שטעהט פאַר'ן טהיר. און ער שטעלט זיך אַרבייטען ביי זיין בעקאַנטען, דערדאָזיגער קלוגער שלאָסער האָט נישט אומ-זיסט געמאַכט דאָס געשעפט; ער האָט נעהאַט פון זיין אַרביי-טער פערדינסט. און דאָס פערדיענסט מאַכט איהם נאָך מעהר זשעדנע אויף פרעמדע האָרעוואַניע, און ער הויבט-אָן צו זוכען נאָך אַזעלכע שלאָסערס, וועלכע האָבען פערלוירען זייערע אינ-סטרומענטען, כדי זיי אַריינצוציהען צו זיך. און ער געפינט,

פערשטעהט זיך, אַסך אַזעלכע; וואָרום וועניג זענען פאַרהאַן צו־פּאַלען, וואָס קענען בדלות שטעלען אַ בעל-מלאכה!? דער איז אָבגעבערענט געוואָרען און געבליבען הויל נאַקעט, יענער איז אַנ־טלאָפען פון אַ געמיינדע, וואָס אַ פירשט האָט חרוב-געמאַכט א. אַ. וו. אונזער שלאָסער נעהמט זיי אַלעמען צו זיך. ער האָט פערגרעסערט זיין ווערקשטאַט, האָט צוגעקויפט נייע אינסטרומענ־טען, און די אַרבייט געהט ביי איהם ווי געשמירט. ער האָט שוין אַליין אויפגעהערט צו אַרבייטען, ס׳איז נישטאָ קיין צייט: ער מוז פיהרען זיין געשעפט. ער ווייס שוין, אַז זיין געשעפט ווערט איצט אָנגערופען מאַנופאַקטור, און ער הייסט שוין אויף דער סחורה שטעלען דעם נאָמען פון זיין פירמע. מאַנופאַקטור— דאָס איז אַזאַ אופן פון סחורות-פּראָדוקציע, ביי וועלכען אַ גע־וויסע צאָהל אַרבייטער, בעלי-מלאכות, אַרבייטען-אויס די סחורה אין דעם בעל-הבית׳ס ווערקשטאַט, מיט זיינע אינסטרומענטען, מיט זיין מאַטעריאַל, און דערביי בלייבט דער פּראָדוקט פון זייער אַרבייט אין רשות פון בעל-הבית. די בעלי-מלאכות קריגען מעהר נישט ווי געוויסע שכירות, לויהן, פאַר זייער אַרבייט. דער בעל־הבית פון אַ מאַנופאַקטור איז שוין אַ קאַפּיטאַליסט. ער גיט-אויס קאַפּיטאַל, דינגט אַ ווערקשטאַט, קויפט מאַטעריאַלען און אינסטרו־מענטען, כדי צו בעקומען מיט דער הילף פון פרעמדער אַרבייט נאָך אַ גרעסערען קאַפּיטאַל, בעקומען פּערדיענסט. אין אַלע צוויי־גען פון האַנדווערקעריי, וואו מען בעדאַרף האָבען טייערע אַר־טייטס-געצייג (שלאָסעריי שמיעדעריי א. אַ. וו.) קומט-אויף די מאַנופאַקט.ר, ווייל אומעדום געפינען זיך אַזעלכע פיינע בריות, וועלכע זענען גרייט אויסצונוצען דעם פרעמדענס אומגליק.

איבערהויפּט קומען-אַרויס די דאָזיגע פיינע בריאות פון סוחרים און אויפקויפער. נאָר אַ טייל פון די בעלי-מלאכות אַרבייטען ביי זיך אַליין פאַר די בעלי-בתּים, וועלכע בעשטעלען ביי זיי די אַרבייט. דערצו איז נאָך איין טאָג נישט גלייך צום אַנדערען: אַמאָל איז גאָר קיין בעשטעלונגען נישטאָ און מען זיצט מיט צונויפגעלעגטע הענד, און אַמאָל קימען-אָן די בעשטעלונגען הוי־פענווייז. למשל, אין דאָרף איז געראָטען היי-יאָהר די תבואות,

ביי די פויערים אין קעשענע איז דאָ אַנ'איבריגע קאָפּעקע, און זיי הויבען־אָן פערבייטען זייערע צוריסענע לאַפּצעס אויף שטי-ווען. כדי עס זאָל נישט אויסקומען צו זיצען אַ טייל פון יאָהר צונויפגעלעגט די הענד, כדי עס זאָל זיין ווען מען דאַרף גרייט סחורה, דאַרף מען נישט וואַרטען ביז מען וועט בעקומען בעשטעלונגען, נאָר מען מוז אַרבייטען כסדר צום פערקויפען. אַזאַ אַרבייט ווערט שוין נישט אָנגערופען האַנדווערקעריי, (ד. ה. אַרבייט אויף בעשטעלונג), נאָר „הויז-אַרבייט", (אין רוסלאַנד „קוסטאַרנע" פּראָדוקציע). אין די גובערניעס פון מיטעל-רוסלאַנד זענען פאַרהאַן אַסך דערפער, וועלכע פערנעהמען זיך אינגאַנצען מיט אַזאַ מין אַרבייט. די איינוואוינער פון איין דאָרף זענען טשוועקעס-מאַכער, פון אַנ'אַנדערן—סטאָליאַרעס, פון אַ דריטען—שוסטערס. זיי גרייטען צו אַסך סחורה, און דערנאָך מוז מען עס פערקויפען אויף די מערק און די ירידים. און אַזוי ווי דער פערקויף איז נישט קיין גרינגע זאַך, מען מוז עס פיהרען מיט קאָפּ און מען דאַרף טאַקע האָבען דערצו קאַפּיטאַל, דעריבער פאַלען די קוסטאַרעס (די הויז־אַרבייטער) אַריין אין די לאַפּעס פון דעם אויפקויפער. ער נעהמט-אָב ביי זיי די פאַרטיגע אַרבייט, בעצאָהלט מיט אַמאָל געלד, און אָפטמאָל גיט ער אויך אַ בעשטע-לונג אויף קומענדיגע אַרבייט. דערפאַר אַרבייט אויך פאַר איהם דער קוסטאַר, אַקוראַט ווי דער שטאָדטישער אַרבייטער פאַר'ן פאַבריקאַנט. עס דאַכט זיך בלויז אויס, אַז דער קוסטאַר איז אַ בעל-הבית פאַר זיך, אין אמת'ען אָבער איז ער. דערזעלבער שקלאַף: אָהן דעם אויפקויפער קאָן ער זיך פון אָרט נישט ריה-רען. דער גאַנצער האַנדעל איז אין די הענד פון די אויפקויפער; זיי גיבען בעשטעלונגען אויף די אַרבייט; אָפטמאָל גיבען זיי אויך דעם רויה-מאַטעריאַל. ווען דער קוסטאַר זאָל אַריינברענגען דעם אויפקויפער אין כעס, איז וועה צו איהם. דער אויפקויפער הערט-אויף צו נעהמען ביי איהם די סחורה, און דעמאָלט לעג די ציינער אויף די פּאָליצעס. עס פערשטעהט זיך, אַז דער גאַנצער ריוח קומט-אָן דעם אויפקויפער, דעם קוסטאַר בלייבט מעהר נישט ווי שווערע אַרבייט און אָרימקייט.

שלעכט איז די דאָרפישע קוסטאַרעס, אָבער נישט בעסער איז אויך די שטאָדטישע בעלי-מלאָכות. דאָרט ווערען זיי פערשקלאַפּט דורך די מאַגאַזינען פון פאַרטיגע סחורות און די פּאָדריאַדטשיקעס. פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס אַליין קאָנען זיי קיין שטיוועל ניט אויפנייהען, און נעהמען פונדעסטוועגען פון דער שטאָדטדומע אָדער פון דער אינטענדאַנטור אַ פּאָדריאַד, אויף טויזענד פּאָר שטיוועל, טראָגען אַריין קויציע און דערנאָך גיבען זיי איבער די גאַנצע אַרבייט אמת'ע שוסטערס. דער פּאָדריאַדטשיק אַליין שטעקט קיין האַנד אין קאַלט וואַסער נישט אַריין, פונדעסטוועגען נעהמט ער זיך פון יעדער פּאָר שטיוועל נישט קיין קליינעם רויח און דערביי האַלט ער זיך נאָך פאַר אַ בעל-טובה: „איך גיב אייך אַרבייט! אַז ניט איך, וואָלט איהר אויסגעגאַנגען פון הונגער!”. אָדער אַ שוכוואַרג-מאַגאַזין נעהמט-אָן אַסך בעשטעלונגען און גיט זיי איבער עטליכע געדונגענע שוסטערס. אויף אַזאַ אויפן פאַלט-אַריין אומעדום דער זעלבשטענדיגער בעל-מלאָכה אין שקלאַפערייּ, און אָפטמאָלס אין שקלאַפעריי צו זיין אייגענעם מיטברודער, אויך אַזאַ בעל-מלאָכה ווי ער. נאָך מיט אַ צייט פריהער איז יענער געווען דער אייגענער האָרעפּאַשניק, אויך אַזוי געהאָרעוועט ווי די אַנדערע, און איצט קוקט ער שוין אין די הויכע פענסטער. פּאַמעליך האָט ער זיך אויסגעלערנט לעבען פון פרעמדער פּראַצע, פּאַמעליך האָט ער זיך אַיינגעפיהרט אַ גאַנצע מאַנופאַקטור, אויף וועלכער עס אַרבייטען זיינע פריהערדיגע חברים—בעלי-מלאָכות.

לאָמיר זיך אומקעהרען צו אונזער שלאָסער, וועלכער האָט ביי זיך איינגעפיהרט די מאַנופאַקטור. די עסקים וואַקסען ביי איהם ווי אויף הייוועז. ער האָט שוין אַ בייכעל, אין שטאָדט איז ער געוואָרען גאָר אַ גאַנצער רעדעלפיהרער, מען גיט איהם אומעדום אָב כבוד, זיינע אַרבייטער אָבער פערשילטען דעם טאָג, ווען ער איז געבוירען געוואָרען, וואָרום זיי אַרבייטען אַזוי, אַז די כחות געהען זיי אויס. איצט לאָמיר זעהן, וואָס פאַר אַ ווירקונג ס'האָט געמוזט האָבען די מאַנופאַקטור פון אונזער פיינעם בעל-הבית אויף די איינצעלנע שלאָסערס, וועלכע אַרבייטען פאַר

זיך. אין דער מאַנופאַקטור, לאָמיר משער זיין, אַרבייטען 10 מענשען. פאַר זיי בעדאַרף מען האַלטען איין ווערקשטאַט. די איינצעלנע שלאָסערס מוזען אויך יעדער האָבען זיין ווערקשטאַטי 10 שלאָסערס אַרבייטען אין איין ווערקשטאַט, און 10 איינצעלנע מוזען האָבען 10 ווערקשטאַטען. הייסט עס, דעם בעל־הבית פון דער מאַנופאַקטור, קאָסט ווייניגער, איידער די פרייע שלאָסערס דירה-געלד, הייצונג און בעלייכטונג. נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. איטליכער פרייער שלאָסער בעדאַרף האָבען אַלע אינסטרו-מענטען, וואָס זענען נויטיג צו זיין אַרבייט, נאָר ביי איהם בלייבט אַ טייל פון די אינסטרומענטען ליגען אַזוי זיך; ווען ער אַרבייט צום ביישפיעל, אויף דער קאָוואַדלע, בלייבען די פיילען ליעגען. דער מאַנופאַקטוריסט שטעלט זיין ווערקשטאַט אַנדערש איין: אין דער צייט וואָס אייניגע אַרבייטער הויבען ערשט אָן צו מאַ-כען זייערע שלעסער, ענדיגען שוין די אַנדערע זייערע: און די אינסטרומענטען בלייבען, אויף אַזאַ אופן, קיינמאָל נישט ליע-גען. הייסט עס, אַז אויך די אינסטרומענטען קאָסטען איהם בי-ליגער, ווי די איינצעלנע שלאָסערס. נאָר אויך דאָס איז נאָך נישט אַלץ: דער איינצעלנער שלאָסער, וועלכער אַרבייט-אויס זיינע שלעסער, מוז פריהער פון אַלץ אויסשמידען די איינצעלנע טיי-לען פון שלאָס, דערנאָך זיי צופאַסען און אָבריייניגען און צום סוף ערשט פאַרטיג מאַכען דעם שלאָס. אויף אַזאַ אופן מוז ער אַריבערגעהן פון איין אינסטרומענט צום אַנדערען און פער-לירען אַסך צייט אומזיסט. ווען מען אַרבייט מיט איין אינסטרו-מענט און מען אַרבייט זיך גוט איין פון אָנהויב, קאָן מען שוין אַ גאַנצען טאָג גוט און גיך אַרבייטען, נאָר ווען מען מוז אָפט טוישען די אינסטרומענטען, פערלירט מען אַלעמאָל אַסך צייט, ביז וואַנען מען אַרבייט זיך גוט איין. דער בעל-הבית פון דער מאַנופאַקטור ווייס גאַנץ גוט, ווי גרויס איז דער שאָדען, וואָס קומט אַרויס דערפון, וואָס די אַרבייטער געהען-איבער פון איין אינסטרומענט צום צווייטען. און אַזוי ווי ער טראַכט אַלץ, ווי צו האָבען מעהר ריוח, דעריבער פיהרט ער איין אין זיין ווערק־שטאַט אַנדערע אָרדנונגען. ער טענה׳ט: „גענוג אייך אַרומגעהן לעדיג פון שמיעד-הויז אין ווערקשטאַט און צוריק. זאָלען דריי פון

אייך די טיילען פון שלאָס אויסאַרבייטען אין שמיעד-הויז, פינף זאָלען זיי אַרומפּוצען און די איבריגע צוויי זאָלען צוזאַמענשטעלען די שלעסער.״ מיט איין וואָרט, ער פיהרט-איין אין דער מאַנופאַקטור די פונאַנדערטיילונג (פונאַנדערגלידערונג) פון דער אַרבייט. ביי דער פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט אין דער געמיינדע (געזעלשאַפטליכע פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט) אַרבייט יעדער אויס אַ גאַנצען פּראָדוקט. ביי דער פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט אין דער מאַנופאַקטור אַרבייט אויס יעדער אַרבייטער נישט דעם גאַנצען פּראָדוקט, נאָר אַ טייל פון איהם. אַזוי, צום ביישפּיעל, אַ טייל פון שלאָסערס אין דער מאַנופאַקטור שמיעדען-אויס די איינצעלנע טיילען פון די שלעסער, אַנדערע פּוצען זיי אַרום, די דריטע שטעלען די שלעסער צוזאַמען א. אַ. וו. די פונאַנדערגלידערונג פון דער אַרבייט מאַכט די אַרבייט מעהר פּראָדוקטיוו, איידער די געזעלשאַפטליכע פונאַנדערטיילונג. ערשטענס פערלירט נישט יעדער אַרבייטער קיין צייט אויפ׳ן אַריבערגעהן פון איין אינסטרומענט צום צווייטען; צווייטענס, אַרבייטענדיג כסדר מיט איין און דעמזעלבען אינסטרומענט, געוועהנט זיך צו דער אַרבייטער צו איהם און אַרבייט גיכער, איידער ער וואָלט געאַרבייט טוישענדיג די אינסטרומענטען. די איינצעלנע שלאָסערס האָבען נישט דעם נוצען, וועלכען עס גיט די פונאַנדערגלידערונג פון דער אַרבייט, און דעריבער איז זייער אַרבייט וועניגער פּראָדוקטיוו, איידער די אַרבייט פון דער מאַנופאַקטור. 10 איינצעלנע שלאָסערס, צום ביישפּיעל, וואָס אַרבייטען אויס איטליכער בעזונדער צו 5 שלעסער אַ טאָג, מאַכען פערטיג אינאיינעם 50 שלעסער; אָבער 10 מאַנופאַקטור-שלאָסערס, אַרבייטענדיג אינאיינעם, מאַכען פאַרטיג פאַר דעם בעל-הבית 60—70 אַ טאָג.

הייסט דאָס, דער בעל-הבית פון דער מאַנופאַקטור איז אין פערגלייך מיט דעם איינצעלנעם שלאָסער בעסער געשטעלט דערמיט, וואָס ביי דערזעלבער צאָהל אַרבייטער גיט ער אויס ווייניגער אויף דעם וואַרשטאַט און אינסטרומענטען און קריגט אויך אַסך מעהר פּראָדוקטען. מאַטעריאַל קויפט ער איין אין גרויסע מאָסען, דערפאַר ווערט איהם דער מאַטעריאַל גערעכענט ביליגער.

ביים פערקויפען ווייטער קאָן ער אָבוואַרטען, ביז וואַנען עס שטעלען זיך איין גוטע פרייזען. ער איז מיט געלד פערזאָרגט; מיט איין וואָרט, וואוהין מען זאָל זיך נישט קעהרען, איז ער אַלץ בעסער געשטעלט, איידער דער קליינער בעל-מלאכה. דער מאַנופאַקטוריסט טראָגט-אַרויס זיין סחורה אויפ'ן מאַרק, דער זעלבשטענדיגער בעל-מלאכה—זיינע. די סחורה איז ביי זיי אַ גלייכע, נאָר דער פרייז איז אַ פערשידענער. ביים מאַנופאַקטוריסט מאַכט איטליכער אַרבייטער פאַרטיג יעדען טאָג 7 שלעסער, דער זעלבשטענדיגער שלאָסער נישט מעהר ווי 5. פערשטעהט זיך, אַז דער מאַנופאַקטוריסט קאָן ביליגער פערקויפען זיין סחורה. עס קומט-פאָר אַ קאָנקורענץ צווישען די מאַנופאַקטוריסטען און זעלבשטענדיגע שלאָסערס (אַ קאָנקורענץ צווישען די פערקויפער), וועלכע וואַרפט אַראָב דעם פרייז פון די שלעסער (7 שלעסער איז גלייך איין טאָג אַרבייט). און הגם די זעלבשטענדיגע שלאָסערס אַרבייטען-אויס בלויז 5 שלעסער אַ טאָג, פונדעסטוועגען מוזען זיי פערקויבען שלעסער אויף דעמזעלבען פרייז, וואָס די מאַנופאַקטוריסטען. אויב נישט, וועט קיינער ביי זיי קיין סחורה נישט קויפען. פערשטעהט זיך, אַז סוף כל סוף מוזען זיי אונטערגעהן, זיי מוזען אַוועקוואַרפען די זעלבשטענדיגע מלאכה. אויף אַזאַ אופן, מאַכט דער מאַנופאַקטוריסט מיט זיין קאָנקורענץ אַ סוף צו די קליינע בעלי-מלאכות, זיי פערלירען זייער אַרבייטס-געצייג און ווערען סוף כל סוף פון זעלבשטענדיגע בעלי-מלאכות געדונגענע אַרבייטער. אָבער די מאַנופאַקטורען קאָנקורירען נישט בלויז מיט די בעלי-מלאכות, זיי קאָנקורירען אויך צווישען זיך איינע מיט דער צווייטער. וואָס גרעסער אַ מאַנופאַקטור איז, אַלץ בעסער זענען די בעדינגונגען, אין וועלכע זי איז געשטעלט אין פערגלייך מיט די קלענערע; ווייל די אַרבייטס-געצייג קאָסטען איהר ביליגער און די אַרבייט איז מעהר פונאַנדערגעגלידערט. הייסט עס, וואָס אַ מאַנופאַקטור איז גרעסער, אַלץ מעהר פראָדוקטיוו איז איהר אַרבייט, אַלץ ביליגער קאָן זי פערקויפען איהרע סחורות. צווישען דער גרויסער און דער קליינער מאַנופאַקטור קומט פאָר אַ קאָנקורענץ, און די גרויסע מאַנופאַק-ור מוז אַראָבשליידערן די קליינע, אַקוראַט ווי די קליינע מאַנופאַקטור פערניכטעט

דעם בעל-מלאכה. די קאָנקורענץ פון די מאַנופאַקטורען דריקט זיך אויס דערין, וואָס איטליכע מאַנופאַקטור בעמיהט זיך צו פערנעהמען דעם גאַנצען מאַרק. צוליעב דעם בעמיהט זי זיך צו פערקויפען די סחורה וואָס ביליגער. ביליגער קאָן זי נור דעמאָלט פערקויפען די סחורות, ווען מען האָט זיי אויסגעאַרבייט מיט וועניגער מענשליכער אַרבייט. און דערפאַר סטאַרעט זיך דער מאַנופאַקטוריסט אַלץ מעהר און מעהר צו פערבעסערן די פראָדוקציע, צו פערלייכטערן די מענשליכע אַרבייט. עס קומען-אויף מאַשינען. אַ מאַשין, קאָן מען זאָגען, ווערט געברויכט פשוט אָנשטאָט די אַרבייט פון אַ בעל-מלאכה. די מאַשין מאַכט מעכאַניש און גיך אַ פראָדוקט, וואָס אום איהם אויסצואַרבייטען מוז דער בעל-מלאכה האָבען אַסך געשיקטקייט און מוז זיך לערנען אַ לאַנגע צייט. כדי צו זיין אַ גוטער וועבער, מוז מען אַ לאַנגע צייט לערנען זיך, און דערפאַר טאַקי קריגט אַ וועבער אַסך מעהר געצאָהלט, איידער צום ביישפיעל, אַ פראָסטער טאָג-אַרבייטער, וועלכער דאַרף זיך צוליעב זיין אַרבייט גאָרנישט לערנען. אַ קאַפיטאַליסט, וועלכער וויל עפענען אַ וועבעריי-מאַנופאַקטור, מוז געפונען בעלי-מלאכות וועבער, וועלכע האָבען נישט קיין אייגענע אַרבייטס-געצייג און געהען אַרבייטען פאַר לוין. פערשטעהט זיך, אַז דער לוין וועט זיין העכער, ווי דער לויהן פון אַ פראָסטען אַרבייטער נאָר אָט איז ערפונדען אַדאַמף-וועבשטוהל, וואָס וועבט גיכער און בעסער, איידער אַ וועבער. דער מאַנופאַקטוריסט, ערווערבענדיג די מאַשין, נויטיגט זיך שוין נישט אין די געשיקטקייט פון דעם וועבער, און ער פערטוישט איהם אויף אַ פראָסטען אַרבייטער, ווייל אַכטונג געבען אויף דער דאַמף-מאַשין איז נישט קיין שווערע זאַך, און אַ פראָסטען אַרבייטער צאָהלט מען דאָך וויניגער איידער אַבעל-מלאָכה. אויף אַזאַ אויפן, מאַכענדיג איבריג די געשיקטקייט פון אַ בעל-מלאָכה, גיט די מאַשין דעם קאַפיטאַליסט די מעגליכקייט צו בעגעהן זיך אָהן דעם בעל-מלאָכה און געברויכען אָנשטאָט איהם אַ פראָסטען אַרבייטער. עס ערשיינט די פאַבריק. אויף דער פאַבריק ווערט די אַרבייט, וועלכע פאָדערט געשיקטע און געלערנטע הענד, געמאַכט דורך מאַשינען, און ביי זיי בענוצט מען זיך מיט פראָסטע אַרבייטער, וועלכע

ברויכען נישט קענען עפּעס ספּעציעל. די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט איז אין דער פאַבריק-פּראָדוקציע נאָך גרעסער, איידער אין אַלע אַנדערע. אַשמיעד אַ בעל-מלכה, למשל, קאָן מאַכען אין אַ טאָג 500 טשוועקעס, און אַ פּראָסטער אַרבייטער אויף אַ פאַבריק קאָן מאַכען עטליכע טויזענד. ביליגער פערשטעהט זיך אַז די מאַשין-טשוועקעס זענען איידער די אויסגעאַרבייטע פון בעל-מלאָכה, בכלל פערניכטעט די פאַבריק די קליינע האַנדווערקעריי און די מאַנופאַקטור און עפענט אויף איהר טויער פאַר די פּראָסטע אַרבייטער, זי שאַפט-אָב די נויטווענדיגקייט פון דער בעל-מלאָכה׳שער פּראָדוקציע, די בעלי מלאָכות שטאַרבען אויס ביסלעכוויז פאַר נויט, אָדער ווערען אַליין פאַבריק-אַרבייטער,

איצט לאָמיר מאַכען אַ סך-הכל פון קאַפּיטעל, אין וועלכען מיר האָבען אַרומגערעדט די פראַגע, ווי אַזוי די זעלבשטענדיגע ערד-אַרבייטער און בעלי-מלאכות זענען מגולגל געוואָרען אין „אַרבייטס-הענד" פאַר דעם קאַפּיטאַליסט: די קריעגס-בעדערפּנישען אין דער געמיינדע (פערטיידיגונג געגען דעם פיינד און אָנפאַלען אויף דעם פיינד) האָבען אַרויסגערופען אין די אַלטע צייטען די ערשיינונג פון אַ מאַכט אין דער געשטאַלט פון די שטאַרקסטע און מוטיגסטע מיטגלידער פון דער געמיינדע, וועלכע ווערען אָנפיהרער. די אָנפיהרער מאַכען ביסלעכוויז אונטערטעניג די געמיינדעס, פון וועלכע זיי שטאַמען אַרויס, און זיי ווערען זייערע בעהערשער. זיי הערען-אויף צו אַרבייטען, און לעבען צוזאַמען מיט זייערע זעלנער נור אויף דעם חשבון פון די אָבצאָהלונגען, וועלכע זיי נעהמען פון זייערע אונטערטאַנען, און פון דעם רויב, וואָס זיי בעקומען פון פרעמדע געמיינדעס. די שטענדיגע מלחמות צווישען די געמיינדעס פיהרען דערצו, אַז די אָנפיהרער פון די שטאַרקערע געמיינדעס נעהמען-איין די שוואַכערע געמיינדעס און לעגען-אַרויף אויף זיי אָבצאָהלונגען. דערנאָך פיהרען די שטאַרקערע אָנפיהרער, וועלכע האָבען איינגענומען די שוואַכע געמיינדעס, אַלץ ווייטער צווישען זיך קריעג, ביז וואַנען סוף כל סוף איינעם פון זיי אין אַ בעשטימטען אָרט גיט זיך איין אַרונטערצונעהמען אונטער זיין ממשלה אַלע איבריגע אָנפיהרער מיט זייערע געמיינדעס. אַזוי בילדעט זיך אַ

מלוכה אונטער דער הערשאַפט פון אַ פירשט. אַזוי איז אויך ענטשטאַנען די רוסישע מלוכה. די רוסישע פירשטען און צאַרען פלעגען פונאַנדערטיילען צווישען זייערע זעלנער—די באָיאַרען—גאַנצע געמיינדעס. די באָיאַרען פלעגען אָהן רחמנות שלעפען אָבצאָהלונגען פון זייערע געמיינדעס, אָבער די ערד איז אַלץ געבליבען דאָס אייגענס פון דער געמיינדע, און די באָיאַרען פלעגען זיך נישט אַריינמישען אין די געמיינדע-ענינים. בשעת די פויערים האָבען אָנגעהויבען צוליעב די שווערע אונטערדריקונגען לויפען פון זייער ערד, האָבען די צאַרען זיי צוגעשמיעדט צו דער ערד, אַיינגעפיהרט פאַר זיי לייב-אייגענשאַפט. די באָיאַרען, די ערדבעזיצער זענען געוואָרען די בעלי-בתים איבער דעם גוף און דער נשמה פון די פויערים, נאָר די ערד איז אַלץ געבליבען אין דער ווירקליכקייט אין רשות פון דער געמיינדע. אָבער באַלד ווי די פויערים זענען געוואָרען בעפרייט, זענען די פריצים אָנערקענט געוואָרען אַלס אייגענטימער פון דער ערד. מען מוז זאָגען, אַז אַלץ איז אין דער אמת׳ן געבליבען ביים אַלטען: די פויערים, וועלכע זענען געוואָרען בעפרייט און האָבען בעקומען אַ נישט-גענוגענדען חלק ערד, מוזען אָדער דינגען ביים פריץ ערד, אָדער זיך פערדינגען ביי איהם אַלס אַרבייטער. דער פריץ זיצט, נישט ערגער ווי פריהער, אויף די פלייצעס פונ׳ם פויער און זויגט פון איהם דאָס בלוט. אַזוי איז דער פויער—דער ערד-אַרבייטער מגולגל-געוואָרען אין „אַרבייטס-הענד" פאַר דעם פריץ. די בעלי-מלאכות וואוינען אין די שטערט. די קליגערע פון זיי, די וואָס זענען מעהר בריות, כאַפען אַריין צו זיך די שוואַכערע. יענע פערלירען סוף כל סוף זייער אַרבייטס-געצייג און קומען-אָן אַלס אַרבייטער צו די שטאַרקערע. עס קומט-אויף די מאַנופאַקטור. די מאַנופאַקטור לעגט אַוועק דורך איהר קאָנקורענץ די קליינע בעלי-מלאכות און שטרעבט אַרומצוכאַפען די גאַנצע בעל-מלאכה׳שע פראָדוקציע. די קאָנקורענץ פון די מאַנופאַקטורען צווישען זיך, שטרעבענדיג צו פערברייטערן די פראָדוקציע און ביליגער מאַכען די סחורות, רופט-אַרויס דאָס ענטשטעהן פון מאַשינען און פאַבריק-פראָדוקציע, וואו די מענשליכע געשיקטקייט פון די אַרבייטער ווערט פערביטען דורך דער מאַשין, און דער

בעל-מלאכה—דורך אַ פּראָסטען אַרבייטער. די פאַבריק שטירצט דורך איהר קאָנקורענץ די מאַנופאַקטור און די האַנדוועקעריי, און מאַכט דעם בעל-מלאכה, וועלכער פערלירט זיין אַרבייטס-געצייג פאַר אַן'אַרבייטער ביי דער מאַשין. אין אָנהויב פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען שפּאַלט די געזעלשאַפטליכע פונאַנדער-טיילונג פון דער אַרבייט אַלע מענשען אויף צוויי הויפּט-טיילען: ערד-אַרבייטער און בעלי-מלאכות. יאָהרהונדערטער לאַנג ערפילט יעדער פון זיי דעם טייל מענשליכער אַרבייט, וועלכער איז אויסגעפאַלען אויף זיין גורל. דער ערד-אַרבייטער שלעפּט אויף זיך זיין פעקעל צרות, וועלכע ער האָט פון דעם פריץ; דער בעל-מלאכה מאַכט-דורך זיין ענטוויקלונג דורך די מאַנופאַקטור ביז צו דער פאַבריק—און זיי בעגעגענען זיך, דער ערדאַרבייטער און דער בעל-מלאכה, שוין אָהן אַרבייטס-געצייג, ביי דער מאַ-שין. צווישען זיי איז שוין קיין חילוק נישטאָ, זיי זענען ביידע נישט מעהר ווי שטומע „הענד”. לאָמיר-זשע איצט אַ קוק טהון, ווי אַזוי די קאַפּיטאַליסטען נוצען אויס די „אַרבייטס-הענד”. לאָ-מיר זעהן, ווי אַזוי זיי ציהען דעם ריוח, צו וועלכען עס ציהט איטליכען פון זיי ווי מיט אַ מאַגנעט.

6-טער קאַפּיטעל.

מעהרווערטה.

יעדער קאַפּיטאַליסט, וואָס האָט אַריינגעלעגט קאַפּיטאַל אין אַ געשעפט, האָט, פערשטעהט זיך, פאַר זיך איין צוועק—בעקו-מען ריוח. ווען נישט דער דאָזיגער ריוח, וואָלט קיין קאַפּיטאַליסט נישט געפיהרט קיין געשעפטען. און אַזוי ווי מיר זעהען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען וואַקסען-אויס דאָרט, וואו מען זייהט זיי נישט, איז עס אַ דייטליכער בעוויז, אַז דער קאַפּיטאַל גיט נישט קיין קליינעם פערדינסט. פון וואַנען זשע נעהמט זיך אָט דער דאָזיגער ריוח צום קאַפּיטאַל? דער פּשוט'ער ענטפער איז: דער ריוח נעהמט זיך פון קויפען און פערקויפען: מען קויפט ביליג און מען פערקויפט טייער, ד. ה., דער ריוח ווערט גע-שאַפען אויפ'ן מאַרק, דורכ'ן אויסטויש. לאָמיר זעהן, צו איז עס

טאַקי אמת. לאָמיר אָננעהמען, אַ פאַבריקאַנט דאַרף קויפען אַ דאַמף-וועבשטוהל. ער פיהרט-אַרויס אויפ׳ן מאַרק ציץ, וואָס האָט אין זיך 500 אַרבייטס-טעג און וואָס זיין אמת׳ער ווערטה איז, צום ביישפיעל, 500 רובל. צו קומט-צו אויפ׳ן מאַרק אַ נייער ווערטה דערפון, וואָס דער פאַבריקאַנט האָט פערקויפט זיין ציץ? פערשטעהט זיך, אַז נישט. דער פאַבריקאַנט האָט געהאַט אין סחורה אַ ווערטה פון 500 רובל, און דער קונה האָט געהאַט דעמזעלבען ווערטה אין געלד. דערנאָך ווי זיי האָבען זיך געטוישט, זענען אויפ׳ן מאַרק געבליבען דיזעלבע ווערטהען, וואָס פריהער—1000 רובל, און פון דעם טוישען איז קיין גראָשען נישט צוגעקומען. פון וואַנען זשע האָט זיך גענומען דער ריוח פונ׳ם קאַפּיטאַליסט? לאָמיר איצט אָננעהמען, אַז איטליכער פאַבריקאַנט פערקויפט זיין סחורה טייערער פון איהר אמת׳ען ווערטה. אונזער פאַבריקאַנט פערקויפט זיין ציץ נישט פאַר 500, נאָר פאַר 600 רובל. איז אָבער דערנאָך, ווען דער האַנדעל איז געמאַכט, נאָך אַלץ קיין נייער ווערטה אויפ׳ן מאַרק נישט צוגעקומען. עס זענען געוועזען ווערטהען פאַר 1100 רובל (ביים פאַבריקאַנט פאַר 500 רובל סחורה, ביים קונה 600 רובל געלד), אַזויפיעל איז אויך געבליבען. עס זענען געבליבען ווערטהען אַזויפיעל ווי פריהער, נאָר דער פאַבריקאַנט האָט בעקומען פאַר 100 רובל איבעריגען ווערטה. אפשר זענען טאַקי אָט די 100 רובל דער ריוח פונ׳ם קאַפּיטאַליסט? עס הויבט זיך נישט אָן.—ווען איטליכער פאַבריקאַנט וואָלט פערקויפט זיין סחורה טייערער פון איהר אמת׳ן ווערטה, דעמאָלט וואָלט סוף כל סוף קיינער פון זיי גאָרנישט געוואונען דערפון. אונזער פאַבריקאַנט האָט בעקומען 600 רובל פאַר די ציץ, וואָס איז אין דער אמת׳ן ווערטה 500 רובל. נאָר דער פאַבריקאַנט פון די וועבשטוהלען מוז אויך בעקומען פאַר זיין וועבשטוהל טייערער פון זיין אמת׳ן ווערטה, ד. ה., נישט 500, נאָר 600 רובל. אונזער ציץ-פאַבריקאַנט, וואָס האָט ביי זיין פערקויף געוואונען 100 רובל, מוז זיי אָנווערען ביים קויפען דעם וועבשטוהל, אָהן וועלכען ער קאָן זיך נישט בעגעהן. אויף אַזאַ אופן זעהען מיר, אַז פונ׳ם טוישען קאָנען נישט אַרויסקומען קיין נייע ווערטהען, אַז נישט דער טויש ברענגט-אַיין דעם

קאַפּיטאַליסט דעם ריוח צום קאַפּיטאַל. אָבער דער פאַבריקאַנט פון
ציין מוז דאָך פאָרט פערקויפען זיין סחורה און מוז דאָך ערגעץ-
וואו קריגען ריוח; אויב נישט, וואָלט ער דאָך גאָר קיין גע-
שעפט נישט געמאַכט. עס איז טאַקי אמת, אַז דער פאַבריקאַנט בע־
קומט ריוח ביים פערקויפען זיין סחורה, אָבער נישט פונ׳ם פער-
קויפען. ווי מיר זעהען, מוז דער ריוח געשאַפען ווערען נאָך
איידער עס קומט-פאָר דאָס פערקויפען. נאָר אַזוי ווי פון הימעל
פאַלט דאָך נישט אַראָב דער איבעריגער ווערטה (דער ריוח),
מוז מען זאָגען, אַז דער ריוח ווערט געשאַפען בעת׳ן אויסאַרביי-
טען גופא פון די סחורות. נאָר מיט׳ן אויסאַרבייטען די סחורות
פערנעהמען זיך די „אַרבייטס-הענד״. הייסט עס, אַז נאָר די אונ-
גליקליכע הענד אַרבייטען-אויס און ברענגען-איין דעם ריוח דעם
קאַפּיטאַליסט. לאָמיר זעהען, ווי אַזוי דאָס קומט-פאָר. דער קאַ-
פּיטאַליסט האָט געוואָלט איינפיהרען אַ ציין-פאַבריק. ער האָט
אויסגעבויט אַ הויז, איינגעקויפט מאַשינען, אויסגעשריבען באַוועל.
נאָר ער בעדאַרף אויך האָבען „אַרבייטס-הענד״: אָהן זיי קאָן זיך
דער קאַפּיטאַליסט פון אָרט נישט ריהרען, מעג ער האָבען נאָכ-
אַמאָל אַזויפיעל מאַשינען. מיר ווייסען שוין, אַז „אַרבייטס-הענד״
קאָן מען בעקומען אויפ׳ן מאַרק צוגלייך מיט אַנדערע סחורות.
אַהין טאַקי איז זיך מטריה אונזער קאַפּיטאַליסט. ער דינגט אַר-
בייטס-הענד. וואָס הייסט עס? עס הייסט: ער קויפט ביי
די אַרבייטער זייער אַרבייטס-קראַפט אויף אַ בעשטימטער צייט,
אויף אַ טאָג אָדער אויף אַ חודש א. אַ. וו. וויפיעל-זשע צאָהלט
ער זיי דערפאַר? אַזוי ווי די אַרבייטס-קראַפט איז אַ סחורה און
זי ווערט פערקויפט אויפ׳ן מאַרק, ווערט איהר ווערטה, אַקוראַט
ווי דער ווערטה פון יעדער סחורה, אויסגעמאָסטען מיט דעם
סכום אַרבייט, וואָס איז נויטיג כדי זי אויסצואַרבייטען; די אַר-
בייטס קראַפט, אַלס אַ בעזונדער אַרט סחורה, ווערט פראָדוצירט
אין דעם מענשענס קערפער גופא. כדי דער מענש זאָל האָבען
אַרבייטס-קראַפט, מוז ער עסען, טרינקען, האָבען אַ דירה, קליי-
דער, און כדי דאָס צו האָבען, איז ווייטער נויטיג אַרבייט.
הייסט עס, אַז דער ווערטה פון דער אַרבייטס-קראַפט ווערט
אויסגעמאָסטען מיט דעם סכום אַרבייט, וואָס איז נויטיג כדי

אויסצואַרבייטען די לעבענס-מיטלען פאַר דעם אַרבייטער. נאָר דער אַרבייטער איז שטערבליך, און אַרבייטס-קראַפט דאַרף דער קאַפּיטאַליסט שטענדיג. מיט דעם אַרבייטערס טויט הערט-אויף זיין אַרבייטס-קראַפט, און דער קאַפּיטאַליסט קאָן חלילה בלייבען אָהן „אַרבייטס-הענד". הייסט עס, אַז דער אַרבייטער מוז האָבען זיין שטעל-פערטרעטער, וואָס זאָל אויך ברענגען דעם קאַפּיטאַליסט זיין אַרבייטס-קראַפט. דעריבער ווערט אויסגעמאָסטען דער ווערטה פון דער אַרבייטס-קראַפט מיט דעם סכום פון אַרבייט, וואָס איז נויטיג איף צוצוגרייטען די לעבענס-מיטלען פאַר דעם אַרבייטער און זיין פאַמיליע,—אָט דעם ווערטה בעקומט דער אַרבייטער אין דער געשטאַלט פון לוין. בקיצור, דער קאַפּיטאַליסט, דער צוקונפטיגער ציץ-פאַבריקאַנט, מוז בעצאָהלען די אַרבייטער דעם ווערטה פון זייער אַרבייטסקראַפט. וואָס-זשע בעקומט ער דערפאַר? נאָכדעם ווי ער האָט צונויפגעקליבען אויפ'ן מאַרק אַ גאַנצע מחנה „אַרבייטס-הענד", פיהרט ער זיי אָב צו זיך אין פאַבריק און הייסט זיי אַרבייטען. „די אַרבייטס-הענד" הויבען אָן אויסצואַרבייטען ציץ פאַר איהם. דער פאַבריקאַנט מוז בעצאָהלען די אַרבייטער דעם ווערטה פון זייער אַרבייטס-קראַפט פאַר אַ געוויסע צייט, ער אַליין קריגט דערפאַר די אַרבייטערס פראַצע פאַר דערזעלבער צייט. מיר ווייסען שוין, אַז די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט מאַכט די אַרבייט פראָדוקטיוו, ד. ה., איטליכער פראָדוצענט אַרבייט-אויס אין אַ טאָג מעהר פראָדוקטען, איידער ער דאַרף פערברויכען פאַר דעם טאָג. אויב, צום ביישפּיעל, כדי אויסצואַרבייטען פאַר זיך שפייז, קליידונג און די איבריגע נויטיגע זאַכען, מוז דער אַרבייטער האָרעווען 6 שעה אַ טאָג, ווערען די 6 שעה אָנגערופען נויטווענדיגע אַרבייט. 6 שעה אין טאָג מוז דער אַרבייטער האָרעווען, כדי צו דערהאַלטען זיך ביים לעבען, כדי אויסצואַרבייטען דעם ווערטה פון זיין אַרבייטס-קראַפט. אויב ער אַרבייט מעהר פון 6 שעה אַ טאָג, דעמאָלט הייסט די איבריגע אַרבייט (וואָס איז אַריבער 6 שעה)— איבער-אַרבייט. אַלזאָ, דער אַרבייטס-טאָג האָט אין זיך נויטווענדיגע אַרבייט און אַן'איבער-אַרבייט (הוספה-אַרבייט).

אונזער ציץ-פאַבריקאַנט דינגט אַרבייטער און מוז זיי בע-

צאָהלען דעם װערטה פון זייער אַרבייטס-קראַפט פאַר איטליכען טאָג, ד. ה. ער בעצאָהלט איטליכען טאָג נור פאַר דער נויטווענדיגער אַרבייטס-צייט (6 שעה). ווען די אַרבייטער וואָלטען געהאָרעוועט נישט מעהר ווי 6 שעה אַ טאָג, וואָלטען זיי אויסגעאַרבייט בלויז אַזויפיעל וויפיעל זיי פערלעבען, און דער פאַבריקאַנט וואָלט קיין שום ריוח נישט געהאַט. נאָר ער צווינגט זיי צו אַרבייטען 12 שעה אין טאָג. אויף אַזאַ אופן קריגט ער פון די אַרבייטער יעדען טאָג איבריגע 6 שעה אַרבייט, ד. ה., 6 שעה איבער-אַרבייט, פאַר וועלכע ער בעצאָהלט זיי גאָרנישט. יעדען טאָג אַרבייטען-אויס די אַרבייטער אין די ערשטע 6 שעה אַרבייט (די נויטווענדיגע אַרבייט) דעם װערטה פון זייער אַרבייטס-קראַפט (דאָס, וואָס זיי בעקומען פונ׳ם קאַפּיטאַליסט אין דער געשטאַלט פון אַרבייטס-לוין); פאַר די אַנדערע 6 שעה איבער-אַרבייט אַרבייטען-אויס די אַרבייטער מעהרווערטה, פאַר וועלכען דער פאַבריקאַנט צאָהלט זיי גאָרנישט. אָט דער מעהרווערסה איז טאַקי דער ריוח פונ׳ט קאַפּיטאַליסט. מיר וועלען נעהמען אַ בייספּיעל. דער פאַבריקאַנט צאָהלט דעם אַרבייטער 50 קאָפּ. אַ טאָג. יעדער אַרבייטער קאָן פאַרטיג מאַכען אין אַ טאָג 10 אַרשין ציץ, וואָס קאָסט 20 קאָפּ. אַנ׳אַרשין. לאָמיר אָננעהמען, אַז פאָדים אויף יעדען אַרשין ציץ קאָסט 5 קאָפּ. און אַז די הוצאות אויף מאַשינען, געביידעס א. אַ. וו. פאַלען צו 5 ק. אויף אַנ׳אַרשין, אַזוי אַז דער מאַטעריאַל פון אַנ׳אַרשין ציץ קאָסט דעם פאַבריקאַנט 10 קאָפּ. דער אַרבייטער אַרבייט-אָב אַ האַלבען טאָג (6 שעה) און מאַכט פאַרטיג פאַר דער צייט 5 אַרשין ציץ. וואָס פאַר אַ ווערט האָט ער אויסגעאַרבייט? 5 אַרש. ציץ צו 20 קאָפּ. מאַכען אויס 1 רובל נאָר דעם פאַבריקאַנט קאָסט דער מאַטעריאַל צו 10 קאָפּ. אויף אַנ׳אַרשין, אויף 5 אַר.—50 קאָפּ. הייסט עס, אַז דער אַרבייטער האָט געשאַפען אין אַ האַלבען טאָג רייגעם ווערטה פאַר 50 קאָפּ. דאָס איז אַקוראַט אַזויפיעל, וויפיעל דער קאַפּיטאַליסט צאָהלט איהם פאַר זיין אַרבייטס-קראַפט פאַר אַ גאַנצען טאָג. די ערשטע 6 שעה, וואָס דער אַרבייטער האָט געהאָרעוועט, דאָס איז פאַר איהם זיין נויטווענדיגע ארביים. די 50 קאָפּ. ווערטה, וועלכע ער האָט אויסגעאַרבייט,

דאָס איז דער נויטווענדיגער ווערטה. ווען דער אַרבייטער וואָלט נאָך די 6 שעה אויפגעהערט צו אַרבייטען, וואָלט דער פאַבריקאַנט קיין ריוח נישט בעקומען. ער האָט אויסגעגעבען 1 רובל (50 קאָפּ. דעם אַרבייטער, 50 קאָפּ. פאַר דעם מאַטעריאַל אויף 5 אַרשין) און בעקומט 1 רובל. נאָר דער אַרבייטער האָרעוועט נאָך 6 שעה, דאָס איז זיין איבער־אַרבייט, און ער אַרבייט-אויס נאָך 5 אַרשין ציץ. וואָס פאַר אַ ווערטה האָט ער איצט אויסגעאַרבייט? 5 אַרשין ציץ צו 20 קאָפּ. מאַכט-אויס 1 רובל. געהט-אַראָב פאַר מאַטעריאַל 50 קאָפּ., בלייבט 50 קאָפּ. ריינע. דער אַרבייטער האָט מיט זיין איבער-אַרבייטען געשאַפען מעהר 50 קאָפּ. און דער מעהרווערטה קומט אַריין גלייך אין דעם קאַפּיטאַליסט׳ס קעשענע. הייסט עס, אונזער פאַבריקאַנט בעקומט פון איטליכען אַרבייטער 50 קאָפּ. אַ טאָג מעהרווערטה אָדער ריוח. מיר זעהען, אַז דער מקור פון ריוח איז דער אַרבייטער און זיין אַרבייטס-קראַפט. די גרויס פון ריוח הענגט-אָב: 1) פון דער צאָהל אַרבייטער, וועלכע האָרעווען פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, 2) פון דער לענג פון אַרבייטס-טאָג און 3) פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. וואָס מעהר הענד עס זענען פאַראַן ביים קאַפּיטאַליסט, אַלץ מעהר מעהרווערטה בעקומט ער, אַלץ גרעסער איז זיין ריוח. וואָס לענגער עס איז דער אַרבייטס-טאָג, אַלץ מעהר קומט-אַרויס איבער־אַרבייט, אַלץ מעהר מעהרווערטה בעקומט דער קאַפּיטאַליסט. ווען אונזער פאַבריקאַנט וואָלט געקאָנט צווינגען די אַרבייטער צו אַרבייטען נישט 12, נאָר 18 שעה אַ טאָג, דעמאָלט וואָלט יעדער אַרבייטער פערטיג געמאַכט 15 אַרשין ציץ אַ טאָג און וואָלט דערויף פערברויכט נישט 6, נאָר 12 שעה איבער-אַרבייט, און וואָלט איינגעבראַכט דעם קאַפּיטאַליסט נישט 50 קאָפּ., נאָר אַ גאַנצען רובל מעהרווערטה. וואָס מעהר פּראָדוקטיוו עס איז די אַרבייט, אַלץ וועניגער צייט דאַרף דער אַרבייטער אַרבייטען אויף זיך, אַלץ וועניגער איז די נויטווענדיגע אַרבייט, און אַלץ מעהר ווערט זיין דער טייל פונ׳ם קאַפּיטאַליסט, ד. ה., די איבער־אַרבייט אָדער דער מעהרווערטה. ביי אונזער פאַבריקאַנט בעקומט דער אַרבייטער 60 קאָפּ. אַ טאָג און אַרבייט-אויס 10 אַרש. ציץ; ד. ה., פאַר יעדען

אַרשין בעקומט ער 5 קאָפּ. דער פאַבריקאַנט פערקויפט צו 20 קאָפּ. אַנ'אַרשין. דערפון קומט-אויס 10 קאָפּ. פאַר דעם מאַטע-ריאַל—בלייבט איבער 10 קאָפּ. אויף דעם חלק פונ'ם פאַבריקאַנט און פונ'ם אַרבייטער. 5 קאָפּ. בעקומט דער אַרבייטער (אַרבייטס-לוין פאַר איין אַרשין), און 5 קאָפּ. דער קאַפּיטאַליסט (זיין ריוח). הייסט עס, דער ריינער ווערטה פון אַ סחורה, (ד. ה., אָהן מאַ-טעריאַל) בעשטעהט פון אַרבייטס-לוין און פון ריוח פאַר דעם קאפיטאליסט. פון דאנען זעהט מען, אז וואָס גרעטער עס איז דער ארבייטס-לוין, אַלץ קלענער איז דער ריוח, און פערקעהרט. ווען דער אַרבייטס-לוין האָט זיך געהעכערט ביז 70 קאָפּ. אַ טאָג, דעמאָלט איז דער ריוח פונ'ם קאפיטאליסט געפאלען ביז 30 קאָפּ.; פון דעם ריינעם ווערטה פון אנ'ארשין ציץ וואָלט דער ארביי-טער בעקומען 7 קאָפּ. און דער קאפיטאליסט—3 קאָפּ.

עס איז קלאָר, אז צווישען דעם קאפיטאליסט און צווישען דעם ארבייטער מוז פאָרקומען א שטענדיגער קאמף. דער קאפּי-טאליסט שטרעבט אלץ צו פערלענגערן דעם ארבייטס-טאָג און פערקלענערן דעם לוין. דער ארבייטער ווידער שטרעבט צו פער-קירצען דעם ארבייטס-טאָג און העכערן דעם לוין.

ווייטער וועלען מיר זעהן די תקיפות פון דעם קאפיטאליסט אין דעם קאמף; מיר וועלען זעהן, ווי אזוי דער ארבייטער פאלט אריין, ווי מען זאָגט, א געבונדענער, אין די הענד פונ'ם קאפּי-טאליסט. מיר האָבען דאָ נאָר-וואָס געזאָגט, אז ווען דער אר-בייטס-לוין ווערט גרעסער, מוז פונקט אויף אזויפיעל קלענער ווערען דער ריוח פונ'ם קאפיטאליסט, נאָר אפשר קאָן ער דאָס וואָס ער האָט געהעכערט דעם לוין, ארויפציהען אויף דעם פרייז פון דער סחורה? ער וועט פערקויפען, צום ביישפיעל, צו 22 קאָפּ. אנ'ארשין? ניין, פאר דעם קאפיטאליסט איז פארהאן א בעשטימטע גרענעץ, וועלכע ער קאָן נישט אריבערטרעטען. ווען ער זאָל וועלען העכערן דעם פרייז פון זיין ציץ, יועט איהם נישט דערלאָזען דערצו די קאָנקורענץ פון די אנדערע פאבריקאנ-טען, זיי וועלען פערקויפען ציץ צו 20 קאָפּ. אנ'ארשין, און אונ-זער פאבריקאנט וועט בלייבען אָהן קונים. דער פאבריקאנט מוז זיך בעגנוגענען מיט דעם ריוח, וועלכער בלייבט איהם איבער פון

דעם ריינעם ווערטה פון דער סחורה, נאָכ'ן אראָבציהען דעם אַרבייטס-לוין און די אַנדערע קאָסטען (הוצאות). איצט זעהען מיר טאַקי בעשיינפערליך, אַז נישט פון דעם פערקויפען זיין סחורה בעקומט דער פאַבריקאַנט דעם ריוח. דער ריוח ווערט אויסגעאַרבייט נאָך פאַר דעם פערקויף, ער ווערט אויסגעאַרבייט נישט אויפ'ן מאַרק, נאָר אין דער פאַבריק: די איבער-אַרבייט שאַפט דעם מעהרווערטה. אָבער ערשט ביים פערקויף פון דער סחורה ווייזט זיך אַרויס (עס ווערט רעאַליזירט) דער ריוח פונ'ם קאַפיטאַליסט. איצט ערשט ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פאַבריקאַנט פערקויפט אונטער דעם נאָמען פון זיינע סחורות די פראַצע פון די אַרבייטער פאַר אַ בעשטימטע צייט; די אַרבייטער האָט ער בעצאָהלט נישט פאַר די גאַנצע אַרבייט, וועלכע ער האָט פון זיי בעקומען, נאָר פאַר די אַרבייט, וועלכע איז נויטיג פאַר זייער עקזיסטענץ, ד. ה., דעם ווערטה פון דער אַרבייטס-קראַפט.

אָט דער פאַל, וועלכען מיר האָבען דאָ אָקאָרשט געננוי בעטראַכט, און וועלכער בעווייזט ווי אַזוי עס ווערט אַרויסגעצויגען מעהרווערטה פון די „אַרבייטס הענד"—איז די דייטליכסטע פאָרם פון עקספּלואַטאַציע פון דעם אַרבייטער דורך דעם קאַפיטאַליסט. אין אמת'ן, וואָס קאָן נאָך זיין קלאָרער? פון איין זייט זעהען מיר דעם אַרבייטער, וועלכער האָט גאָרנישט חוץ זיינע הענד, פון דער אַנדער זייט דעם קאַפיטאַליסט, וועלכער האָט אַלע אַרבייטס-מיטלען. פערשטעהט זיך, אַז די בייזע נויט טרייבט דעם אַרבייטער אין די לאַפּעס פון דעם קאַפיטאַליסט, וועלכער וועט שוין מסתמא אויסקוועטשען וויפיעל עס וועט נאָר מעגליך זיין. ווי גרויזאַם און אונגערעכט אַזאַ צושטאַנד זאָל ניט זיין, נאָר וועניגסטענס נעהמט חאָטש דער קאַפיטאַל דערביי אַ טעטיגען און דירעקטען אָנטייל אין דער פראָדוקציע: מיט זיין הילף ווערען אויסגעבויט פאַבריקען, איינגעקויפט מאַשינען, צוגעגרייט רויהער מאַטעריאַל, פונאַנדערגעטייל'ט די אַרבייט, אויסגעזוכט אַ מאַרק צו פערקויפען די סחורות; דער קאַפיטאַל שטרעבט אויך צו פערגרעסערן די פראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. אויף וויפיעל דער בעל-הבית פונ'ם קאַפּיטאַל נעמט אַ דירעקטען אַנטייל אין דער פראָדוקציע, האָט ער רעכט אויף אַ געוויסען

חלק פון די אויסגעאַרבייטע פּראָדוקטען. נאָר די צרה איז דאָס, וואָס אַ דאַנק זיין לאַגע קאָן דער קאַפּיטאַליסט זיך נעהמען דעם פעטסטען חלק.

עס זענען אָבער דאָ אַזעלכע פאָרמען פון עקספּלואַטאַציע פון די אַרבייטער דורך דעם קאַפּיטאַליסט, וואו דער לעצטער נעהמט גאָר קיין אָנטייל נישט אין דעם פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע, און דאָס שטערט איהם נישט פונדעסטוועגען צו בעקומען דעם פולען מעהרווערטה, וואָס ווערט אויסגעאַרבייט דורך די אַרבייטערס מיה. ס׳זענען פאַרהאַן אין רוסלאַנד גאַנצע דערפער, וועלכע לעבען פון הויז-אַרבייט (קוסטאַרנע מלאָכות). קוסטאַרעס—דאָס זענען אַזעלכע קליינע בעלי-מלאָכות—שלאָסערס, שוסטערס א. ד. גל., וועלכע אַרבייטען פאַר זיך אין דער היים, האָבען אַלע נויטיגע געצייג, נאָר מעהרסטענטיילס האָבען זיי נישט קיין געלד אויף צו קויפען דעם רויהען מאַטעריאַל—אַייזען, לעדער א. אַ. וו., פון וועלכען זיי אַרבייטען-אויס זייערע פּראָדוקטען. דאָ מישט זיך אַריין דער קאַפּיטאַליסט אין געשטאַלט פון אַ שטאָדטישען סוחר אָדער דאָרפישען רייכען פויער (אַ קולאַק, ווי מען רופט איהם געוועהנליך). ער זאָגט צום אָרימען קוסטאַר אַזוי: „דו האָסט מיט וואָס צו אַרבייטען, נאָר דו האָסט נישט קיין געלד אויף קויפען דעם רויהען מאַטעריאַל. איך וועל דיר געבען דערויף געלד, נאָר דערפאַר מוזטו מיר אָבגעבען דיין סחורה במקח השוה. דער קוסטאַר ווייס שוין דוקא גוט, וואָס דאָס הייסט „במקח השוה": ער ווייס, אַז פאַר זיין סחורה וועט ער בעקומען נישט קיין סך מעהר, איידער עס קאָסט איהם אַליין דער מאַטעריאַל, נאָר וואָס זאָל ער נעבעך טהון, שלעכט אַזוי און ביטער אַזוי. ער נעהמט ביי דעם סוחר געלד, קויפט-איין מאַטעריאַל און ווערט אויף אַ צייט כלומר׳שט אַ זעלבסטשטענדיגער בעל-מלאָכה. נאָר זיין זעלבשטענדיגקייט איז נישט מעהר ווי אַ שאָטען: נאָכדעם ווי ער מאַכט פערטיג זיין סחורה און טראָגט זי אַוועק צום סוחר, ביי וועלכען ער האָט גענומען דאָס געלד, ווייזט זיך אַרויס, אַז איינקונפט האָט ער נישט מעהר (אויב נישט ווייניגער) ווי אַ פאַבריק-אַרבייטער, וועלכער האָט קיין זאַך ניט, חוץ זייגע הענד.

אונזער סוחר האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין דעם פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע גופא, איהם איז קיין דאגה נישט, מיט וואָס פאַר אַ געצייג דער קוסטאַר אַרבייט, וויפיעל צייט דער שלאָסער האָרעוועט אויף פערטיג צו מאַכען אַ שלאָס אָדער דער שוסטער אויף אויפצונעהען אַ פּאָר שטיוועל. ער בעדאַרף נישט ברעכען דעם קאָפּ, ווי צו פערבעסערן די פּראָדוקציע און מאַכען די אַרבייט מעהר פּראָדוקטיוו. ער ווייס, אַז זיינס וועט פון איהם נישט אַנטלויפען. אויב צוליעב דער קאָנקורענץ פון דער פאַבריק פאַלט דער פּריין פון שלעסער, וועט ער אַ ביסעל מעהר צודריקען דעם קוסטאַר און פאָרט אַרויסציהען פון איהם דעם גאַנצען מעהרווערטה. און אפשר נאָך מיט אַנ׳עודף.

אין דער זעלבער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער קוסטאַר אין בעצוג צום סוחר, געפינט זיך אויך דער פּויער—דער ערד־אַרבייטער—אין בעצוג צום פּריץ—דעם ערד-בעזיצער. מיר האָבען שוין אויבען דערמאָהנט, אַז די ערד, וועלכע די פּויערים האָבען זייט דורות בעאַרבייט, איז געוואָרען דאָס אייגענטום פון די פּריצים, און אַז נאָך דער בעפרייאונג פון די פויערים האָט מען זיי געגעבען אַזעלכע חלקים ערד, וואָס זענען נישט גענוג אויף אויסצוהאַלטען אַ פאַמיליע. דאָס איז געמאַכט געוואָרען צוליעב דעם, כדי די פּויערים זאָלען זיין גענויטיגט זיך־צו-בענוצען מיט דער ערד פון די פּריצים און, פערשטעהט זיך, נישט אומזיסט. דער ערד-בעזיצער פערדינגט די ערד פאַר געלד אָדער פאַר אַ בעוואוסטען חלק פון דער תבואָה, וואָס ווערט אַראָבגענומען פון פעלד—דעם פּויער, וועלכער אַקערט זי מיט זיין אייגענעם אייזען, פערזייהט זי מיט זיין אייגענער זריעה, מיסטיגט זי, ווען ס׳איז נויטיג,—בקיצור, שאַפט אויף זיין אייגענער אַחריות אַלץ, וואָס איז נויטיג אויף אויסצואַרבייטען די תבואָה. דער פּריץ מישט זיך גאָר נישט אַריין אין די גאַנצע אַרבייט; זיין עסק איז נור אָבצונעהמען אָדער געצאָהלט פאַר די אַרענדע [illegible] אַ חלק פון דער אויסגעאַרבייטער תבואָה, ד. ה. דעם מעהרווע[illegible], וועלכען דער פּויער האָט אויסגעאַרבייט.

פון ד[illegible] וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט קאָן מען זעהן, אַז דער קאַפּיטאַל ציהט אַרויס מעהרווערטה פון דעם אַרבייטער נישט

בלויז דאַמאָלס, ווען יענער האָט אינגאַנצען פערלוירען זיינע פראָדוקציאָנס־מיטלען און איז מגולגל געוואָרען אין „אַרבייטס-הענד", נאָר אויך דאַמאָלס, ווען דער אַרבייטער געפינט זיך נאָך אין דער לאַגע פון אַ האַלב-זעלבסטשטענדיגען בעל-הבית. דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער בעל-הבית'עוועט איבער די „אַרבייטס-הענד", מוז חאָטש אַליין איינאָרדנען די פּראָדוקציע און זאָרגען פאַר איהר בליהונג און פערבעסערונג. הגם ער זאָרגט נור אין דעם פאַל פאַר זיין אייגענער קעשענע, ער וויל נור קריגען רויח און דריקט אָהן רחמנות דעם אַרבייטער, פונדעסטוועגען ברענגט ער געגען זיין ווילען געוויסע נוצען דער געזעלשאַפט דערמיט, וואָס ער פערבעסערט כסדר נויטוועגדיגערהייד די פּראָדוקציאָנס-אופנים און פערגרעסערט דערמיט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט; חוץ דעם געוועהנט ער די אַרבייטער צו אַרבייטען צוזאַמען—ער געוועהנט זיי צו געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע, ווען אָבער דער קאַפּיטאַליסט זויגט אויס דאָס בלוט פון די האַלב־זעלבסטשטענדיגע, נישט ברענגענדיג קיין שום נוצען אין דער אַרבייט, דאַמאָלס איז עס נישט מעהר, ווי אַ געזעלשאַפטליך - אָרגאַניזירטער רויב, וועלכען מען קאָן מיט קיין זאַך נישט פערענטפערן.

אויף וואָס פאַר אַנ'אויפן דער מעהרווערטה זאָל נישט ווערען אַרויסגעצויגען פון דעם אַרבייטער-קלאַס, אַלץ בלייבט עס די איינציגע קוועלע, פון וואַנען עס נעהמט זיך דער ריוח אין די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעהמונגען. אין יעדער בעשטימטער אונטערנעהמונג מוז דער ריוח, וואָס דער קאַפּיטאַליסט בעקומט, דירעקט זיין אָבהענגיג פון דער צאָהל אַרבייטער, וועלכע זענען ביי איהם בעשעפטיגט מיט אויסאַרבייטען סחורות: וואָס מעהר אַרבייטער ער האָט, אַלץ מעהר בעקומט ער מעהרווערטה, אַלץ גרעסער איז זיין ריוח. לאָמיר זיך איצט פאָרשטעלען אַזאַ פאַל. צוויי זיהן פון אַ סוחר האָבען בעקומען ירושה איטליכער צו 10,000 רובל. דיביידע ברידער זענען געווען שטאַרק איינשטימיג איינער מיט'ן צווייטען אין איין זאַך: זיי האָבען ביידע געהאַלטען פון דעם כלל, אַז דעם קאַפּיטאַל מוז מען אַריינטהון אין געשעפט און איהם פערגרעסערן, נאָר דער געשמאַק איז ביי זיי געווען פערשידען. איינער פון זיי האָט זיך

געהאַלטען פאַר דאָס אַלטע, דער אַנדערער איז געווען אַנ׳ענער-גישער מענש און האָט נור געקלערט, ווי אַזוי איינצופיהרען עפּעס אַ נײַ געשעפט, וואָס קאָן געבען אַסך ריוח מיט אַמאָל. דער ערשטער האָט געפונען פאַר זיך אַ גרויסע גאַרבעריי, וואו אַלס-דינג ווערט געאַרבייט לויט דעם אַלטען שניט—קיין מאַשינען זע-נען נישטאָ, די געביידעס זענען ביליגע, אַלץ קאָן מען מאַכען אָהן גרויסע קאַפּיטאַלען. אמת, דאָס איז געווען אַזאַ מין געשעפט, וואו ס׳איז נויטיג געווען אַסך אַרבייטער—גאַנצע 50—נאָר אונזער שטילינקער יונגערמאַנטשיק האָט נישט קיין מורא פאַר דעם: ער פערשטעהט אַ געשעפט און ווייס, אַז, ס׳איז גרינג, האָבענדיג אַ קאַפּיטאַל, צו מאַכען די אַרבייטער וייך ווי פּוטער, אויף אַזאַ אופן האָט ער די גאַנצע 10,000 רובל פערברויכט אויף קויפען די גאַרבעריי, קויפען מאַטעריאַל און דינגען אַרבייטער,—בקיצור, דאָס געשעפט האָט אָנגעהויבען געהן.

דער אַנדערער ברודער האָט געהערט, אַז אין אַמעריקאַ האָט מען ערפונדען אַ מאַשין אויף בייהען שטיוועל. און ער טראַכט ביי זיך: לאָמיר איינפיהרען אַ „מעכאַנישע שוכוואַרג-מאַ-נופאַקטור“. געטראַכט און געטהון! ער האָט אויסגעשריבען די טייערע אויסלענדישע מאַשינען, האָט געשטעלט אַ פּאַסיגע גע-ביידע, געקויפט לעדער. געדונגען אַרבייטער און אָנגעהויבען אַרבייטען. אַקוראַט ווי דער ערשטער ברודער, האָט ער אַריינ-געלעגט אין געשעפט די גאַנצע 10,000 רובל, נאָר צו די מאַ-שינען בעדאַרף ער דינגען בלויז 30 אַרבייטער, ביי ביידע ברי-דער איז דאָס געשעפט געגאַנגען גוט, און זיי זענען פון טאָג געוואָרען רייכער. אַלזאָ, האָבען ביידע ברידער אָריינגעלעגט אין געשעפט צו 10,000 רובל, נאָר ביי איינעם איז די פּראָדוקציע אַזוי איינגעשטעלט, אַז מיט דעם קאַפּיטאַל קאָן ער פערנעהמען 50 אַרבייטער, דער אַנדערער ברויכט בלויז 30, ווער פון זיי וועט האָבען מעהר ריוח?

אַזוי ווי מיר ווייסען, אַז די גרויס פון דעם מעהרווערטה, און דערפאַר אויך פונ׳ם ריוח, וואַקסט צוגלייך מיט דער צאָהל פון די אַרבייטער, דאַרף דאָך אין פלוג אויסקומען, אז דער גאַרבער מוז בעקומען מעהר ריוח, איידער דער בעל-הבית פון

דער „מעכאַנישער שוכוואַרג-מאַנופאַקטור”. ביים ערשטען אַרבייטען 50 אַרביישער, ביים צווייטען נישט מעהר ווי 30 . און ווירקליך וואָלט עס טאַקי אַזוי אויך געווען, ווען דאָ וואָלט זיך נישט אַריינגעמישט איין ווירטשאַפטליכע ערשיינונג, וועלכע איז שוין אונז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען קאָנקורענץ.

ווען דער גאַרבער וואָלט אין אמת׳ן געהאַט מעהר ריוח, איידער זיין ברודער, וואָלט ער בשום אויפן נישט געקאָנט גאַנץ לאַנג זיך פרעהען מיט זיין אויסנאַהמליך גוטער לאַגע. פאַר וואָסזשע? פשוט דערפאַר, וואָס אויף אַ גוטען ריוח זענען פאַרהאַן אַסך בעלנים, און עס וואָלטען זיך געפונען נישט וועניג קאַפיטאַליסטען, וואָס וואָלטען זיך אַלאָז-געטהון צו גאַרבעריי, מיט דער האָפנונג מעהר צו פערדיענען דערביי, איידער ביי אַנ׳אנדער געשעפט, און דערפון וואָלט אַרויסגעקומען, אַז מען וואָלט אויסגעאַרבייט צופיעל לעדער, דער אָנבאָט וואָלט גרעסער געוואָרען, עס וואָלט פאָרגעקומען אַ קאָנקורענץ צווישען די פערקויפער, דער מאַרק-פרייז פון לעדער וואָלט געפאַלען נידריגער פון אמת׳ען ווערטה, און דער ריוח פונ׳ם גאַרבער וואָלט זיך פערקלענערט: אַ טייל פון דעם מעהרווערטה, וואָס ער האָט אַרויסגעקוועטשט ביי די אַרבייטער, וואָלט אַרויסגעריסען געוואָרען פון זיינע הענד. דאָס וועט דויערן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער ריוח אין דעם גאַרבעריי-געשעפט וועט זיך אויסגלייכען מיט דער ריוח, וועלכען עס גיט אַ מעכאַנישע שוכוואַרג-מאַנופאַקטור אָדער אַנ׳אַנדער געשעפט מיט אַזאַ קאַפיטאַל, אין וועלכען עס איז אויסגעגעבען געוואָרען וועניגער אויף אַרבייטס-קראַפט און מעהר אויף מאַשינען, געביידעס א. אַז. וו.. ווען דער פרייז פון לעדער וועט פאַלען נאָך נידעריגער, דעמאָלט וועט אַטייל קאַפיטאַליסטען אַוועקוואַרפען דאָס דאָזיגע געשעפט און וועט זיך פערנעהמען מיט אַזאַ געשעפט, וואָס גיט וועניגסטענס אַזוי פיעל ריוח, וויפיעל די מעכאַנישע שוכוואַרג-מאַנופאַקטור. ווען עס ווערט וועניגער די אויסאַרבייטונג פון לעדער, העכערט זיך זיין מאַרק-פרייז. אונזער שטילינקער גאַרבער וועט ווייטער בעקומען מעהר ריוח, אָבער נישט מעהר פון זיין בריה׳שען ברודער, ווייל די קאָנקורענץ לאָזט נישט אַראָב קיין אויג פון איהם און לעגל

אַלע מאָל אַ צוים פאַר איהם,—אויב נישט פאַר זיין אַפּעטיט, איז ווענינסטענס פאַר זיינע הענד.

אַזוי גלייכט-אויס די קאָנקורענץ דעם ריוח אין אַלע צווייגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. דאָס ווערט דערגרייכט דורך דעם, וואָס אין יענע צווייגען, וואָס וואָלטען געקאָנט נאָך אין עצם געבען אַגרעסערן ריוח, איידער די איבריגע, זענען די קאַפּיטאַליסטען געצוואונגען צו פערקויפען די סחורות ביליגער פון זייער אמת'ען ווערטה און אַרויסלאָזען פון די הענד איין טייל פונ'ם ריוח, כּדי כאָטש נישט צו פערלירען דעם איבריגען.

אונבעצאָהלטע אַרבייט, מעהרווערטה אין אַלע פאָרמען און געשטאַלטען—אָט דאָס איז דער יסוד צום וואוילשטאַנד פון אַלע רייכע קלאַסען און שטאַנדען. איצט קאָן מען, האָבענדיג געלד, קיין זאַך נישט טהון: עס איז גענוג אַוועקלעגען דאָס אין באַנק און בעקומען אויפ'ן שענסטען אופן פּראָצענט. פון וואַנען-זשע נעמט זיך אָט דער פּראָצענט? ווער און וואָס מאַכט מעגליך, אַז די באַנק זאָל אַרויסגעבען מעהר געלד, ווי מען לעגט אין איהר אַריין? אַלץ דער זעלבער פאַבריקאַנט, דער זעלבער פּריץ, דער זעלבער סוחר, וואָס קוועטשט-אַרויס דעם מעהרווערטה פונ'ם אַרבייטער, און אַרויסקוועטשען ביי איהם נישט-בעצאָהלטע אַרבייט קאָנען זיי דערפאַר, ווייל מיט לעדיגע הענד קאָן מען גאָרנישט אויפטהון: ס'איז נויטיג ערד, מאַטעריאַלען, אינסטרומענטען, מאַשינען, און כּדי דאָס אַלץ צו קויפען, איז נויטיג געלד. זאָל נור אַ מענש אַ בריה האָבען געלד, וועט ער אין איין אויגענבליק אָנדרעהען דאָס רעדעל פון דער מאַשין, וועלכע קאָן אָהן אויפהער ציהען פון דעם אַרבייטער נישט-בעצאָהלטע אַרבייט. נאָר ס'זענען פאַרהאַן מענשען, וואָס פערשטעהען נישט קיין געשעפט, וועלכע ווייסען נישט, וואָס אָנהויבען צו טהון מיט זייער געלד. אָט פאַר זיי זענען דאָס געשאַפען די בענק און די שפּאָר-קאַסעס. לעגט-זשע אַריין דאָרט אייער געלד, איהר אַלע אונגעשיקטע און פוילע! עס וועלען זיך שוין געפינען געשיקטע און בריות, וואָס וועלען זיך מיט דעם געלד בענוצען און וועלען דעם ריוח געוויס מיט אייך טיילען. אַטייל

וועלען בעקומען די בעלי בתים פון דעם געלד; עס וועט אויך בעקומען זיין חלק דער, וואָס האָט געמאַכט די באַנק, און דאָס איבריגע וועלען בעקומען די אונטערנעהמער פון דעם געשעפט.

אַזוי האַלט זיך אויף די פּלייצעס פון די אַרבייטער אַ גאַנצע לייטער פון בעלי-בתים: אויפקויפער, הענדלער, פּאָדריאַד-טשיקעס, סוחרים, פאַבריקאַנטען, באַנקירען, מענשען, וואָס „לע-בען פשוט פון זייער קאַפּיטאַל" א. אַ. וו. אַלע צוזאַמען בילדען זיי איין משפחה, איין אונגעהויערען קלאַס פון עקספּלואַטאַטאָרען, וואָס לעבען אויפ'ן חשבון פון פרעמדע אַרבייט; געגען זיי שטעהט דער נאָך פיעל גרעסערער קלאַס פון די אַרבייטער, דער קלאַס פון די עקספּלואַטירטע.

7-טער קאַפּיטעל.

קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט.

אין פינפטען קאַפּיטעל, בשעת מיר האָבען גערעדט וועגען דער ענטשטעהונג פון דער מאַנופאַקטור, האָבען מיר דעם שלאָ-סער, וועלכער האָט איינגעפיהרט די מאַנופאַקטור, אָנגערופען „קאַפּיטאַליסט", און די מאַנופאַקטור גופא „קאַפּיטאַליסטישע אונ-טערנעהמונג".

וועלכע זענען די סימנים פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטער-נעהמונג און וואָס איז דאָס אַזוינס קאַפּיטאַל?

אונזער שלאָסער—דער בריה, איידער ער פערשקלאַפט די פעראָרימטע שלאָסער, מוז האָבען אַ ווערקשטאַט, אינסטרומענטען, מאַטעריאַלען; ער מוז האָבען אַרבייטס-מיטלען. די דאָזיגע אַר-בייטס-מיטלען (דאָס מאַטעריאַל און די אינסטרומענטען) זענען נישט אַראָבגעפאַלען פון הימעל, נאָר זענען אויך אַ פּראָדוקט פון אַרבייט. דאָס שטיק ערד, וואָס איז געוואָרען צוגעגרייט אַלס אַקער-פעלד, דער אַקער-אייזען, די אינסטרומענטען, די פער-שידענע געביידעס, מיט איין וואָרט, אַלסדינג וואָס איז נויטיג פאַר אַ רעגעלמעסיגע אַרבייט—דאָס אַלץ איז אַ פּראָדוקט פון מענשליכער אַרבייט. די דאָזיגע פּראָדוקטען פון פריהערדיגער

אַרבייט, אָהן וועלכע עס איז קיין ווייטערדיגע אַרבייט נישט מעגליך, געפינען זיך צום טייל אין די הענד פון די אַרבייטער גופאָ, צום טייל אָבער געפינען זיי זיך אין רשות פון אַזעלכע מענשען, וואָס זיי גופאָ געברויכען זיי נישט, נאָר זיי גיבען-איבער אַנדערע צו אַרבייטען. ווען די אַרבייטס-געצייג געפינען זיך אין די הענד פון די אַרבייטער גופאָ, דעמאָלט קענען די לעצטע, ווען זיי געברויכען עס, אָנווענדען בלויז די נויטווענדיגע אַרבייט און אויסאַרבייטען בלויז דעם נויטווענדיגען ווערטה, וואָס זאָל זיין גענוג פאַר זייער עקזיסטענץ. אַזוי, למשל, קאָן דער ערד-אַרבייטער בעאַרבייטען זיין פעלד נור אויף אַזויפיעל, אויף וויפיעל ער האָט נויטיג צום לעבען פאַר זיך מיט זיין פאַמיליע און אויך אויף צו פעררייכטען זיין געצייג און פיטערן די בהמות. דער שלאָסער קאָן אויך אַרבייטען בלויז אַזויפיעל, אַז עס זאָל קלעקען אויפ'ן לעבען פאַר זיך אין די פאַמיליע און אויף האַל-טען גאַנץ די אינסטרומענטען און דעם ווערקשטאַט. בקיצור, דער אַרבייטער, וועלכער האָט אַרבייטס-געצייג און מאַטע-ריאַל צום אַרבייטען, איז נישט געצוויטיגט אָנצווענדען איבער-אַרבייט און בעשאַפען מעהרווערטה, וואָרום ער קאָן זיך בעגעהן אָהן דעם. אַנדערש איז, ווען די אַרבייטס-געצייג גע-הערען אַזעלכע מענשען, וואָס זיי גופא אַרבייטען נישט, נאָר זיי גיבען זיי איבער אַנ'אַנדערן צום אַרבייטען. אַזעלכע בעלי-בתים פון אַרבייטס-געצייג קענען זיך שוין נישט בעגנוגענען דערמיט, וואָס די אַרבייטער האָבען אָנגעווענדט בלויז די נויטווענדיגע אַרבייט, בעשאַפען בלויז דעם נויטווענדיגען ווערטה, ווייל אין דעם פאַל בלייבט פאַר די בעלי-בתים גאָרנישט און זיי לוינט גאָר נישט אָנצוהויבען דאָס געשעפט. זיי קענען נישט אויסקומען אָהן פרעמדער איבער-אַרבייט, און אָהן מעהרווערטה, אָהן דעם ריוח, צוליעב וועלכען זיי האָבען איינגעפיהרט דאָס געשעפט. אָט אַזעלכע בעלי-בתים פון די אַרבייטס-געצייג הייסען קאַפּיטאַ-ליסטען, און זייער אַרבייטס-געצייג—קאַפּיטאַל. דער קאַפּיטאַליסט גיט-אויס זיין קאַפּיטאַל בלויז צוליעב דעם, כדי דער קאַפּיטאַל זאָל זיך אומקעהרען צו איהם פערגרעסערט, מיט ריוח. אַלזאָ, איז קאַפּיטאַל דער טייל פון פּראָדוקטען פון

מענשליכער אַרבייט, וואָס זיינע בעלי-בתּים בעקומען פון איהם ריוח מיט דער הילף פון פרעמדער אַרבייט. אַזוי ווי אַלע פּראָדוקטען פון מענשליכער אַרבייט דריקען אויס זייער ווערטה אין געלד—איז געלד, ווען עס ווערט אַריינגעלעגט אין געשעפט, אויך קאַפּיטאַל. פערשטעהענדיג אַזוי די בעדייטונג פון דעם וואָרט קאַפּיטאַל, איז אונז קלאָר, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט קאָן זיך נור דאַמאָלס אָנהויבען, ווען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער מענשליכער אַרבייט האָט דערגרייכט ביז אַ גרויסער מדרגה. ווען דער אַרבייטער קאָן מיט זייך אַרבייט מעהר נישט אויסאַרבייטען ווי דעם נויטוועגדיגען ווערטה (אַזוי פיעל, וויפיעל איהם איז נויטיג צום לעבען), דאַמאָלס קאָן זיין אַרבייט נישט געבען דעם קאַפּיטאַליסט קיין מעהרווערטה אָדער ריוח. חוץ דעם זענען פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט נויטיג „אַרבייטס-הענד", ד. ה., אַרבייטער, וועלכע האָבען פערלוירען זייער אַרבייטס-געצייג און וואָס זענען דורכ'ן הונגער געצוואונגען צו פערקויפען זייער אַרבייטס-קראַפט די קאַפּיטאַליסטען.

די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט הויבט זיך אָן איבערהויפּט פון מאַנופאַקטור. מאַנופאַקטור, ווי מיר האָבען שוין געוויזען אין 5-טען קאַפּיטעל, ענטשטעהט אין די שטעדט, ווען אין דער געזעלשאַפט האָט זיך שוין איינגעשטעלט פעסט די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט, ד. ה., ווען די אַרבייט ווערט אויף אַזוי פיעל פּראָדוקטיוו, אַז זי איז נישט נור גענוג פאַר דעם אַרבייטער, נאָר גיט אויך ריוח דעם קאַפּיטאַליסט. די מאַנופאַקטור פעראייניגט אונטער דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַליסט אַ געוויסע צאָהל בעלי-מלאָכות, וואָס האָבען פערלוירען זייערע אַרבייטס-געצייג, און מאַכט די אַרבייט מעהר פּראָדוקטיוו, ווי ביי דער קליין-בעל-מלאָכה'שער פּראָדוקציע. דאָס איז דערפאַר, וואָס ביי דער מאַנופאַקטור-פּראָדוקציע קאָסט וועניגער די איינריכטונג פון דעם ווערקשטאַט און די אינסטרומענטען, און די פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט אין דער מאַנופאַקטור מאַכט נאָך גרעסער איהר פּראָדוקטיוויטעט.

ביי דער מאַנופאַקטור-פונאַנדערגלידערונג פון דער אַרבייט

מאַכט איטליכער אַרבייטער מעהר נישט ווי אַ טייל פון אַ גאַנצען פּראָדוקט, בשעת ביי דער געזעלשאַפטליכער פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט יעדער אויס אַ גאַנצען פּראָדוקט.

מיר ווייסען שוין, וואָס פאַר אַ ווירקונג די מאַנופאַקטור האָט אויף די קליינע בעלי־מלאָכות. לאָמיר איצט זעהן, וואָס עס ווערט מיט יענע „אַרבייטס-הענד”, וואָס דער בייזער גורל שטויסט זיי צום קאַפּיטאַליסט.

די הויפּט-קראַפט פון דער מאַנופאַקטור בעשטעהט אין דער פונאַנדערגלידערונג פון דער אַרבייט. דאָס שאַרפע אויג פון בעל-הבית זעהט גוט אַלץ, וואָס קומט איהם אַרויס פון דער דאָזיגער פונאַנדערגלידערונג, און ער גיט זיך די מיה עס איינצופיהרען אויפ׳ן ברייטסטען אויפן. אויף וויפיעל עס דערגרייכט די פונאַנדערגלידערונג פון דער אַרבייט אין דער מאַנופאַקטור, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס, למשל, אין דער נאָדעל-מאַנופאַקטור געהט איטליכע נאָדעל דורך די הענד פון 72 אַרבייטער, איידער זי ווערט אינגאַנצען פאַרטיג, איטליכער פון די 71 אַרבייטער מאַכט בלויז אַ טייל פון דער גאַנצער אַרבייט: איינער ציהט-אויס דעם דראָהט, אַנ׳אַנדערער קלאַפּט-דורך דאָס לעכעל, אַ דריטער שאַרפט דעם שפּיץ א. אַ. וו. איטליכער אַרבייטער געוועהנט זיך צו זיין טייל אַרבייט און מאַכט עס גיכער און בעסער, איידער אין דעם פאַל, ווען איהם וואָלט אויסגעקומען מאַכען אַ גאַנצע נאָדעל. אַלע 72 אַרבייטער אין דער מאַנופאַקטור מאַכען צוזאַמען פערטיג אין אַ בעשטימטע צייט אַסך מעהר נאָדלען, איידער עס מאַכען אין דערזעלבער צייט 72 פרייע זעלבשטענדיגע בעלי-מלאָכות, נאָר דאָס, וואָס דער אַרבייטער מוז זיך צופּאַסען צו דעם, אַז ער זאָל שטענדיג אויסאַרבייטען בלויז איין קליינעם טייל פון דעם גאַנצען פּראָדוקט, קאָסט איהם גאַנץ טייער. ווען אַזאַ בעל-מלאָכה, אַ נאָדעל-מאַכער, קומט-אָן אין אַ מאַנופאַקטור, קריגט ער מעהר נישט ווי אַ טייל פון דער אַרבייט, למשל, דאָס שאַרפען פון די שפּיצען. און בעשטענדיג איז ער פערנומען בלויז מיט דעם שאַרפען. די הענד זיינע געוועהנען זיך צו אויף אַזויפיעל צו דער דאָזיגער פשוט׳ער אַרבייט, אַז סוף כל סוף ווערט ער פאָלקאָם אומפעהיג צו אַנ׳אַנדערער אַרבייט. דער בעל-מלאָכה

פערגעסט אינגאַנצען זיין מלאָכה. בשעת דער בעל-מלאכה אַרבייט-אויס אַ גאַנצען פּראָדוקט, מוז ער אָפּט בעקלעהרען, ווי זיך בעסער צו נעהמען פאַר דער זאַך, כדי איינצושפּאָרען צייט אָדער כדי צו מאַכען בעסער דעם פּראָדוקט. ביים אויסאַרבייטען אַ גאַנצען פּראָדוקט מוז ביי איהם אַרבייטען דער שכל. אָבער דער אַרבייטער טהוט אָהן אויפהער אַלץ איין אין די זעלבע טייל-אַרבייט, דעמאָלט אַרבייטען שוין דעם אַרבייטערס הענד פון זיך אַליין, ווי אַנ'אָנגעצויגענע מאַשין; דעם אַרבייטערס געדאַנק אַרבייט נישט און ער ווערט פערטעמפּט פון אַזאַ שווערער און אָהן אַ שיעור איינפאָרמיגער אַרבייט. אויף אַזאַ אופן שעדיגט די מאַניפאַקטור-פונאַנדערגלידערונג פון דער אַרבייט דעם אַרבייטערס גוף, ווייל זי געוועהנט איהם צו גאָר אַ קליינע צאָהל פון בעוועגונגען, און פערטונקעלט זיין שכל, ווייל זי נעמט-אָב פון זיין אַרבייט יעדען זין. ווען די מאַנופאַקטור, וואָס האָט געמאַכט דעם אַרבייטער פאַר אַ קאַליקע און האָט איהם צוגעוועהנט צו אַ טייל-אַרבייט, ווערט צופעליג צוגעמאַכט, האָט נישט אַזאַ אַרבייטער וואו זיך אַהינצוטהון. זיין לאַגע איז ערגער פאַר דער לאַגע פון אַ פּראָסטען אַרבייטער: ער קאָן נור קריגען אַרבייט אין אַזאַ מאַנופאַקטור, וואו עס ווערט געפאָדערט זיין טייל-אַרבייט.

דער געקאַליעטשעטער בעל-מלאָכה איז אויך אַזוי צוגעשמידט צו דער מאַנופאַקטור, ווי דער קאַטאָרזשניק צו זיין טאַטשקע.

אַזאַ לאַגע גיט דעם בעל-הבית—דעם קאַפּיטאַליסט—אַ גרויסע מאַכט אין די הענד איבער די מאַנופאַקטור-אַרבייטער.

די פרייע בעלי-מלאָכות ווייסען נישט אין דער פּראָדוקציע פון זייערע סחורות פון קיין אַנדערער מאַכט חוץ קאָנקורענץ. אָבער אין דער מאַנופאַקטור לעגט-אַרויף דער קאַפּיטאַל זיין אייזערנע לאַפּע אויף די אַרבייטער, צעברעכט און צעקאַליטשעט זיי, כדי לייכטער צו קענען אַרויסצאַפּען פון זיי דעם ריוח. נאָר באַלד ווערט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט די דאָזיגע הערשאַפט איבער די אַרבייטער ווייניג. די מאַנופאַקטור האַלט זיך דאָך פאָרט בלויז אויף דער געשיקטקייט פון די אַרבייטער. צווישען די „אַרבייטס-הענד" אויפ'ן מאַרק זענען ווייניג פאַראַהאַן בעלי-מלאָכות,

ס׳איז נישטאָ פון וואַנען צו קלויבען. די בעלי-מלאָכות זענען ביי זוך תּקיף. לאָזען נישט אונטערדריקען זייער פּערזאָן, און זיי קעמפען געגען דעם געוואַלט פון די קאַפּיטאַליסטען. דער קאַפּיטאַליסט בעגעגענט אין זיי אַ כּח, וואָס דערלאָזט איהם נישט פערגרעסערן אָהן אַ ברעג זיין קאַפּיטאַל. חוץ דעם איז דער אַרבייטס-לוין פון אַ בעל-מלאָכה גרעסער איידער פון אַ פּראָסטען אַרבייטער.

אין דער קאָנקורענץ, וועלכע קומט פאָר צווישען די קאַפּיטאַליסטען, בעמיהט זיך יעדער פון זיי צו פערקויפען זיין סחורה ביליגער, איידער דער אַנדערער; און דאָס איז נור מעגליך דאַמאָלס, ווען עס ווערט קלענער די אַרבייט, וואָס איז נויטיג כּדי אויסצואַרבייטען די סחורה. דערפאַר סטאַרעט זיך איטליכער מאַנופאַקטוריסט צו מאַכען איבריג אין זיין פּראָדוקציע די געשיקטקייט פון די בעלי-מלאָכות, וועלכע שלעפען נאָך דערצו זעהר אונצופרידען דעם בעל הבית׳ס יאָך,—ער סטאַרעט זיך צו מאַכען די אַרבייט פּשט׳ער און לייכטער. ע ס ע ר ש יי נ ע ן מ אַ ש י נ ע ן. יעדע מאַשין בעשטעהט פון אַ טייל, וועלכע עס בעוועגט די אַרבייטס-מאַשין (מאָטאָר), און פון דער אַרבייטס-מאַשין גופא. ווען מען זאָל אויפמערקזאַם בעטראַכטען די אַרבייטס-מאַשין, קאָן מען זעהר לייכט בעמערקען, אַז דיזעלבע אַרבייט, וועלכע עס פיהרט-אויס דעם בעל-מלאָכה׳ס האַנד מיט דער הילף פון אַנ׳אינסטרומענט, ווערט אויפגעפיהרט דורך אַ מעכאַניזם פון דער מאַשין מיט דעמזעלבען אינסטרומענט און דורך דיזעלבע בעוועגונגען. מען וואָלט געקאָנט זאָגען, אַז דער אינסטרומענט איז אַרויסגעריסען געוואָרען פון דעם בעל-מלאָכה׳ס האַנד און איבערגעגעבען געוואָרען דעם מעכאַניזם, אויף אויסצופיהרען דיזעלבע אַרבייט. אין אַ זעג-מאַשין ווערען די זעגען געהאַלטען און בעוועגט דורך צוויי הויב-שטאַנגען (ריטשאַגען), וועלכע זעהען אויס ווי הענד, און מאַכען דיזעלבע בעוועגונגען, ווי די הענד פון די זעגערס. אין דעם היבעל-געשטעל (צו היבלען מעשאַלענע ברעטער) ווערט אַ מוראָ׳דיג גרויסער היבעל בעוועגט דורך אַנ׳„אייזערנעם טישלער״.—

די מאַשין טהוט די מעכאַנישע אַרבייט, וועלכע פאָרעטר

פון אַרבייטער אַ לאַנגע צייט זיך לערנען; די מאַשין פערבייט די בעל-מלאָכה'שע אַרבייט.

די מאַשינען ברענגען די קאַפּיטאַליסטען אַ גרויסען נוצען.

ערשטענס מיט דעם, (אַז) זיי פערבייטען די בעל-מלאָכה'-שע אַרבייט, שאַפען די מאַשינען אָב די נויטווענדיגקייט צו לערנען די אַרבייטער אַ בעשטימטע מלאָכה. דאָס לערנען זיך פערגרעסערט דעם ווערטה פון דער אַרבייטס-קראַפט אָדער דעם אַרבייטס-לוין; די מאַשין מאַכט דעם אַרבייטס-לוין קלענער און איז דעם קאַפּיטאַליסט אַודאי נוצליך.

צווייטענס, אין דער מאַנופאַקטור האַלט-זיך די גאַנצע פּראָדוקציע בלויז אויף דער געשיקטקייט פון די אַרבייטער; הייסט דאָס, זי הענגט-אָב בלויז אָן דעם רצון פון איינצעלנע מענשען. און דאָס מאַכט די מאַנופאַקטור-פּראָדוקציע אין אַ געוויסער מאָס פאַר אונזיכער, דאָס דערלאָזט נישט דעם בעל-הבית מאַכען מיט די אַרבייטער אַלץ, וואָס איהם וועט נור איינפאַלען, כדי צו קריגען פון זיי וואָס מעהר ריוח. ביי דער מאַשין-פּראָדוקציע איז די זאַך גאַנץ אַנדערש. דער אַרבייטער קומט אין פאַבריק און געפינט שוין פערטיג דעם גאַנצען „סקעלעט" פון דער פּראָדוקציע: ער דאַרף אָהן קונצען בלויז צולעגען דערצו זיין כח. אין דער מאַנופאַקטור דיענען די אינסטרומענטען דעם אַרבייטער. דאָרט איז דער אַרבייטער דער גאַנצער פיהרער; אָבער אין דער פאַבריק איז דער אַרבייטער מעהר נישט ווי אַ דיענער ביי דער מאַשין—די מאַשין מאַכט אַלץ, און ער איז מעהר נישט ווי אַ טייל פון דער מאַשין. דאָס גיט דעם פאַבריקאַנט מעהר מאַכט איבער דעם אַרבייטער, דאָס מאַכט די פּראָדוקציע פעסטער און זיכערער. דער פאַבריקאַנט זאָגט: „זאָלען נור זיין מאַשינען, אַרבייטער וועל איך אַלעמאָל געפינען". און ער בלייבט טאַקי גערעכט.

דריטענס, פערגרעסערען די מאַשינען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט, ד. ה., ביי דער מאַשין-פּראָדוקציע מאַכט דער אַרבייטער פערטיג אין אַ בעשטימטע צייט מעהר פּראָדוקטען, איידער ביי דער מאַנופאַקטור-פּראָדוקציע. מיר ווייסען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האַלט זיך אויף דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט; וואָס מעהר פּראָדוקטיוו די אַרבייט פּט

דעם אַרבייטער איז, אַלץ ווייניגער איז זיין נויטווענדיגע אַרבייט (די אַרבייט, וואָס איז נויטיג אויף אויסצואַרבייטען זיינע לעבענס-מיטלען) און אַלץ גרעסער ווערט זיין איבער-אַרבייט, אַלץ בע-דייטענדער דער מעהרווערטה פון דעם קאַפּיטאַליסט.

מיר ווילען איצט זעהן, וואָס פאַר אַ ווירקונג האָט די מאַשין-פּראָדוקציע אויף יענע אַרבייטער, וועלכע ווערען ווי צו-געשמיעדט צו די מאַשינען. אונזער יאָהר-הונדערט איז אַ יאָהר-הונדערט פון מאַשינען. און אין אמת'ן איז נישטאָ קיין איין ווינקעל אין דער פּראָדוקציע, וואו ס'זאָלען נישט ארבייטען קיין מאַשינען. פאַר דער ערד-אַרבייט זענען איצט פאַרהאַן דאַמפּז אַקער-אייזען, שנייד-מאַשינענס, זייה-און דרעש־מאַשינען. עס אין נישטאָ איצט קיין איין מלאָכה, וואָס זאָל נישט קאָנען פערבי-טען ווערען דורך אַ מאַשין. מיט איין וואָרט, וואו נאָר דער מענש בעדאַרף צולעגען זיין אַרבייטס-קראַפט צו די נאַטור-גע-גענשטאַנדען, אומעטום בעגעגענט ער די מאַשין. וועלכע מוז אויף אַ סך פערקלענערן און פערלייכטערן זיין אַרבייט. אין פלוג האָט מען געקאָנט רעכענען, אַז דורכדעם וואָס עס זענען איינגעפיהרט געוואָרען מאַשינען וועט קלענער ווערען דער סכום פון דעם אַרבייטערס האָרעוואַניע: אויב דער אַרבייטער האָט אָהן אַ מאַ-שין געאַרבייט 12 שעה אַ טאָג, און מיט אַ מאַשין קאָן ער אויס-אַרבייטען אין 8 שעה אַזוי פיעל פּראָדוקטען ווי פריהער, האָט זיין אַרבייטסטאָג איצט געדאַרפט דויערן 8 שעה. נאָר אין אמת'ן. קומט-פאָר גאַנץ אַנדערש: זינט עס זענען איינגעפיהרט געוואָרען מאַשינען, ווערט דער ארבייטס-טאָג פערלענגערט אָהן א מאָס...

וואו זענען די סבות פון אַזאַ שרייענדער סתירה?

לאָמיר אָננעהמען, אַז אַ געניטער סוחר האָט איינגעשטעלט אַ מאַנופאַקטור אויף אויסצואַרבייטען טשוועקעס. ער האָט אַ קאַ-פּיטאַל, מיט וועלכען ער קאָן בעשעפטיגען 30 אַרבייטער. יעדער אַרבייטער מאַכט פאַרטיג אין אַ טאָג 2 פוד טשוועקעס; אַ פוד טשוועקעס קאָסט 2 רובל, פון יעדען אַרבייטער בעקומט דער בעל הבית 50 קאָפּ. מעהרווערטה, הייסט דאָס, פון 30 אַרבייטער בעקומט ער 15 רובל אַ טאָג. נאָר עס איז ערפונדען געוואָרען אַ מאַשין צו מאַכען טשוועקעס, און אונזער מאַנופאַקטוריסט האָט

געקויפט אַזאַ מאַשין. די מאַשין האָט פערדאָפּעלט די פּראָדוקטי-וויטעט פון דער אַרבייט, און איצט קאָנען דיזעלבע 60 פוד אויסגעאַרבייט ווערען מיט 15, אָנשטאָט 30 אַרבייטער. דער ריי-נער ווערטה פון די טשוועקעס האָט זיך אויף אַ העלפט פער-קלענערט, ווארום די אַרבייט, וואָס איז נויטיג אויף אויסאַרביי-טען יעדען פוד, איז איצט אין צוויי מאָל וועניגער געוואָרען. ווען דער ווערטה פון דעם מאַטעריאַל איז 1 רובל, און פריהער איז דער ריינער ווערטה געווען 1 רובל, איז איצט דער ריינער ווערטה 50 קאָפּ., און דער ווערטה פון אַ פוד מאַשין - טשוועקעס איז 1 רובל 50 קאָפּ. (1 רובל מאַטעריאַל און 50 קאָפּ. ריינער ווערטה). נאָר אונזער בעל-הבית איז נישט קיין נאַר און פערקויפט די טשוועקעס פאַר דעמזעלבען פרייז, ווי פריהער — פאַר 2 רובל אַ פוד. אויף אַזאַ אופן בעקומט ער פאַר דער אַר-בייט פון 15 אַרבייטער פונקט אַזויפיעל, וויפיעל ער האָט פרי-הער בעקומען פאַר דער אַרבייט פון 30, ד. ה., ער בעקומט נישט בלויז דעם מעהרווערטה פון די 15 אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען ביי איהם, נאָר אויך דעם גאַנצען נויטווענדיגען ווערטה פון די 15 אַרבייטער, וואָס אַרבייטען ביי איהם נישט. דאָס וועט זיך ציהען אַזוי לאַנג, ביז די איבריגע מאַנופאַקטוריסטען וועלען אויך איינפיהרען ביי זיך מאַשינען און וועלען דורך זיי-ער קאָנקורענץ אַראָבוואַרפען דעם פרייז פון די טשוועקעס ביז זייער אמת'ען ווערטה—1 רובל 50 קאָפּ. אָט די ליעבע און גו-טע צייט פאַר'ן קאַפּיטאַליסט, ווען ער אַליין נוצט אויס די מאַ-שין, און שטאָפּט פול זיינע קעשענעס מיט ריוח—אָט די צייט ציהט דעם קאַפּיטאַליסט, בעוועגט איהם איינצופיהרען מאַשינען.

נאָר וואָס-זשע איז געוואָרען מיט די אַרבייטער פון אונ-זער געוועזענעם מאַנופאַקטוריסט און היינטיגען פאַבריקאַנט? ער האָט געקאָנט פאַר זיין קאַפּיטאַל קויפען נישט מעהר ווי איין מאַשין און האַלטען דערביי נישט מעהר ווי 15 אַרבייטער. ער וואָלט אפילו זעהר געוואָלט קויפען נאָך אַ מאַשין פאַר די איב-ריגע 15 אַרבייטער. דעמאָלס וואָלט ער בעקומען פאַר די אַר-בייט פון זיינע 30 אַרבייטער אַזוי פיעל, וויפיעל אונזערע מאַ-נופאַקטוריסטען אָהן מאַשינען בעקומען פון דער אַרבייט פון 60

אַרבייטער. נאָר ווי ער זאָל נישט וועלען כאַפּען אַזאַ פּעטען פער-דינסט, מוז ער זיך דאָך בעגנוגענען מיט איין מאַשין און 15 אַרבייטער, די איבריגע הייסט ער געהן.

ווי לאַנג די קאָנקורענץ האָט נאָך נישט אַראָפּגעוואָרפען דעם פּרייז פון טשוועקעס ביז צו זייער אמת'ער ווערטה, געהט אַלץ גלאַט און פיין ביי אונזער ניי-געבוירענעם פאַבריקאַנט, ער בעקומט הכנסה פון יענע אַרבייטער, וואָס אַרבייטען ביי איהם נישט. נאָר די גאָלדענע שפע מוז זיך פּאַר איהם ענדיגען, ווי נור דער פּרייז פון טשוועקעס פאַלט ביז 1 רובל 50 קאָפּ. ער מוז זיך איצט בעגנוגענען מיט דעם מערווערטה, וועלכען ער קוועטשט-אַרויס פון די 15 אַרבייטער, וואָס אַרבייטען ביי איהם. און דאָ דערזעהט ער, אַז ער האָט זיך ווי אַריינגענאַרט.

מיר ווייסען, אַז דער סכום פון מעהרווערטה, וואָס דער קאַפּיטאַליסט בעקומט, הענגט-אָב: 1) פון דער לענג פון דעם אַרבייטס-טאָג, 2) פון דער צאָהל אַרבייטער, וואָס אַרבייטען ביי איהם און 3) פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. איידער ער האָט איינגעפיהרט די מאַשין, האָט אונזער פאַבריקאַנט בעקומען פון די אַרבייטער יעדען טאָג 15 רובל מעהרווערטה. נאָך דער איינפיהרונג פון דער מאַשין האָט זיך פערגרעסערט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט, די גרויס פון דעם נויטוועגדיגען ווערטה איז געוואָרען קלענער, און דער מעהרווערטה גרעסער— דער פאַבריקאַנט בעקומט איצט פון יעדען אַרבייטער 60 קאָפּ. אַ טאָג. נאָר ביי איהם זענען איגגאַנצען 15 אַרבייטער געבליבען און פון זיי בעקומט ער 9 רובל אַ טאָג. פריהער פלעגט ער קריגען 15 רובל. די מאַשין האָט איהם פון אָנהויב בלויז גענאַרט מיט פּעטע פערדינסטען; דערנאָך אָבער זענען די גרויסע פער-דינסטען פערשוואונדען, ווי אַ חלום. וואָס-זשע זאָל ער טהון? פערגרעסערן די צאָהל פון די אַרבייטער קאָן ער נישט: עס כאַפּט נישט דערויף קיין קאַפּיטאַל. פערגרעסערן די פּראָדוקטי-וויטעט פון דער אַרבייט, איינפיהרען אַ נאָך קונציגערע מאַשין— קאָן ער דערווייל אויך נישט. בלייבט איהם נור, כדי צו פער-גרעסערן זיין מעהרווערטה, פערלענגערן דעם אַרבייטס-טאָג. און דאָס טהוט ער טאַקי. נאָר שוין פריהער, איידער דער פּרייז פון

טשוועקעס איז געפאַלען ביז 1 רוב. 50 קאָפּ., האָט שוין דער פאַבריקאַנט געהאַט פערלענגערט דעם אַרבייטס-טאָג. די 15 אַר-בייטער, וואָס זענען ביי איהם פערבליבען, לאָזט ער אַרבייטען איבער זייערע כחות, כדי צו קריגען פון זיי וואָס מעהר סחורה און זיך בענוצען מיט דער גוטער צייט, איידער די איבריגע פאַבריקאַנטען האָבען נאָך איינגעפיהרט מאַשינען.

נאָר וואָס-זשע גיט דעם פאַבריקאַנט אַזאַ מאַכט, אַז ער זאָל אימשטאַנד זיין צו פערלענגערן דעם אַרבייטס-טאָג? אָט וואָס! נאָך דער איינפיהרונג פון מאַשינען אין אַ געוויסען פּראָ-דוקציאָנס-צווייג, ווערען איבריג אַ טייל פון די „אַרבייטס-הענד", וואָס זענען געווען פריהער פערנומען אין דער פּראָדוקציע. די איבריגע „הענד" ווערען אָהן טענות ומענות אַרויסגעוואָרפען פון דער פאַבריק און, פערשטעהט זיך, זיי מוזען קומען אויפ׳ן מאַרק. דאָרט פערגרעסערן זיי דעם אָנבאָט פון אַרבייט. אַז דער אָנבאָט ווערט גרעסער, קומט-פאָר אַ קאָנקורענץ צווישען די אַרבייטער, און די קאָנרורענץ גיט די פאַבריקאַנטען נישט בלויז די מעג-ליכקייט צו פערקלענערן דעם אַרבייטס-לוין, נאָר אויך אָהן אַ שיעור צו פערלענגערן די אַרבייטס-צייט. נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מיט דער איינפיהרונג פון מאַשינען ווערט איבריג נישט בלויז די בעל-מלאכה׳שע געשיקטקייט פון די אַרבייטער, נאָר אויך זייער פיזישע קראַפט. ביי דער מאַשין קאָן דיענען אַ שוואַכער אויך אַזוי גוט, ווי אַ שטאַרקער. דערפאַר ציהט-צו די איינפיהרונג פון מאַשינען צו דער אַרבייט פאַר דעם קאַפּי-טאַל ווייבער און קינדער. דאָס מאַכט נאָך גרעסער דעם אָנ-באָט פון אַרבייטס-קראַפט און די קאָנקורענץ צווישען די אַר-בייטער.

מיר האָבען געזעהן, אַז די אַרבייטס-קראַפט מוז אין זיך ענטהאַלטען דעם ווערטה פון די לעבענס-מיטלען פאַר דעם אַר-בייטער און זיין פאַמיליע. ביי דער מאַנופאַקטור-פּראָדוקציע שפּייזט די אַרבייט פון איין אַרבייטער די גאַנצע פאַמיליע. צו-ליעב דעם אַריינציהען פון ווייבער- און קינדער-אַרבייט אין דער פערשטאַרקטער קאָנקורענץ ביי דער מאַשין-פּראָדוקציע, מוז דער אַרבייטס-לוין פון דעם פאַמיליען-פאָטער אויף אַזויפיעל ווערען

נידעריגער, וויפיעל עס ברענגט איצט איין די אַרבייט פון דער פרוי און די קינדער, כדי מיט זייער אַלעמענס פערדינסט צוזאַמען זאָלען זיי קאָנען אויסהאַלטען די פאַמיליע. אויף אַזאַ אופן ווערט ביי דער איינפיהרונג פון מאַשינען פאַר די אַרבייט פון אַ גאַנצע פאמיליע געצאָהלט אַזויפיעל, וויפיעל ביי דער מאַנופאַקטור-פראָדוקציע בלויז פאַר די אַרבייט פון פאָטער. אַלס אַ צולאָג גיבען נאָך די מאַשינען דעם פאַבריקאַנט די מעגליכקייט צו פערלענגערן דעם אַרבייטס-טאָג.

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז די מאַנופאַקטור-צוגלידערונג פון דער אַרבייט רופט זיך אָב שעדליך אויף די אַרבייטער דערמיט, וואָס זי שמיעדט-צו יעדען פון זיי צו איין קליינינקען אַרבייטס-טייל, וועלכע מאַכט איהם פאַר אַ קאַליקע, אונפעהיג צו אַן׳אַנדער אַרבייט. נישט קיין בעסערע ווירקונג מאַכט אויף די אַרבייטער אויך די מאַשין.

אַ זעלבשטענדיגער בעל-מלאכה מוז זיין נישט בלויז געניט אין זיין מלאכה, כדי גוט צו קענען אויסאַרבייטען זיינע פראָדוקטען, נאָר ער מוז אויך האָבען אַ געוויסע גייסטיגע ענטוויקלונג, וועלכע גיט איהם די מעגליכקייט צו פערשטעהן די גאַנצע פראָדוקציע און מאַכען אין איהר פערשידענע פערבעסערונגען. די דאָזיגע גייסטיגע ענטוויקלונג בעקומט דער בעל-מלאכה סיי פון זיין לערן-צייט, סיי אַרבייטענדיג שוין זיין מלאכה. ווען דער בעל-מלאכה קומט-אָן אין אַ מאַנופאַקטור, וואו ס׳איז פאַראַן אַ ברייטע צוגלידערונג פון דער אַרבייט, פערלירט ער שוין די השגה וועגען דעם גאַנצען פראָדוקט: ער אַרבייט-אויס מעהר נישט ווי אַ טייל פון דעם פראָדוקט; פון דער אויסאַרבייטונג פון דעם גאַנצען פראָדוקט ווייס נור דער בעל-הבית פון דער מאַנופאַקטור. נאָר ווען דער אַרבייטער קומט-אָן אויף אַ פאַבריק, פערלירט ער אפילו די השגה, וועלכע ער האָט פריהער געהאַט וועגען דער פראָדוקציע. ער ווייס נישט, ווי אַזוי און וואָס וועט ווערען אויסגעאַרבייט דורך זיין פראַצע. דאָס גאַנצע וויסען, דער גאַנצער שכל פונ׳ם אַרבייטער איז איבערגעגאַנגען צו דער מאַשין, און דער אַרבייטער גופא איז מעהר נישט ווי אַ טייל פון דער מאַשין.

אויף אַזאַ אופן האָט די קאַפּיטאַליסטישעווירטשאַפט גע-פיהרט דערצו, אַז די אינטעלעקטועלע*) זייט פון דער אַרבייט איז אָבגעריסען פון דער פיזישער זייט. דער אינטעלעקט און דער קאַפּיטאַל (די וויסענשאַפט און די מאַשינען) זענען קאָנצענטרירט ביי די קאַפּיטאַליסטען, די פיזישע זייט (די אַרבייטס-קראַפט)— ביי די אַרבייטער. מען קאָן פערשטעהן, וואָס פאַר אַ שרעקליכע מאַכט איבער די אַרבייטער עס בעקומען דורכדעם די קאַפּיטאַ-ליסטען.

אויף דעם אַרבייטערס גוף ווירקט די מאַשין אויפ'ן שעד-ליכסטען אופן. פון דער פריהסטער קינדהייט אָן מוז דער אַר-בייטער טהון אַלץ איין און דיזעלבע אַרבייט ביי דער מאשין, צופּאַסען זיינע בעוועגונגען צו דער איינפאָרמיגער בעוועגונג פון דער מאַשין. עס פערשטעהט זיך, אַז חוץ דער אַרבייט ביי דער מאַשין, צו וועלכער ער האָט זיך צוגעוועהנט, טויג ער נישט צו קיין שום אַרבייט. למשל, ביי שנעל-דרוק-מאַשינען קומט-אויס צו אַרבייטען קינדער פון אַ יאָהר 13—14, וואָס זייער גאַנצע אַרבייט בעשטעהט נור דערין, וואָס זיי לעגען-אַרונטער דאָס פּאַפּיר אונ-טער דער פּרעס, און די אַרבייט דויערט 12 שעה אַ טאָג. עס איז קיין וואונדער נישט, אַז די דאָזיגע אומגליקליכע בעשעפעני-שען פערלירען אינגאַנצען דעם צלם אלהים. נאָר ערגער פון אַלץ איז דאָס, וואָס דער קאַפּיטאַליסט, דערנאָך ווי ער האָט צע-בראָכען און צעקאַליטשעט דעם אַרבייטער אויפ'ן גאַנצען לעבען דורך דער אַרבייט ביי איין מאַשין, וואַרפט איהם אַרויס פלוצלונג אויפ'ן גאַס. מיר וועלען באַלד זעהן, וואָס עס טרייבט דעם קאַ-פּיטאַליסט דערצו.

די פערגרעסערונג פון דעם מעהרווערטה איז נור מעגליך, ווען עס ווערט גרעסער די צאָהל פון די אַרבייטער, אָדער ווען עס פערלענגערט זיך דער אַרבייטס-טאָג, אָדער עס ווערט גרע-סער די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. מיט דער איינפיהרונג פון מאַשינען ווערט קלענער די צאָהל אַרבייטער, וואָס זענען

*) אינטעלעקט הייסט שכל; אינטעלעקטועל—שכל'דיג, דאָס, וואָס אי-שייך צום שכל.

בעשעפטיגט ביים קאַפּיטאַליסט, און עס ווערט קלענער זיין מעהרוועראטה, גרעסער מאַכען דעם מעהרווערטה קאָן ער נור דורך פערלענגערונג פון דעם אַרבייטס-טאָג און דורך פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. מיר האָבען געזעהן, ווי דער קאַפּיטאַליסט נוצט טאַקי אויס זיין לאַגע און פערלענגערט אָהן אַ מאָס דעם אַרבייטס-טאָג. איצט לאָמיר זעהן, ווי אַזוי ער פערגרעסערט זיין ריוח דורך דעם, וואָס ער פערגרעסערט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט.

ווי נור עס ווערט איינגעפיהרט אין וועלכען-עס-איז פּראָדוקציאָנס-צווייג אַ מאַשין, איז די וויטערדיגע פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט מעגליך דורך איינפיהרונג פון מאַשינען אין אַלע טיילען פון דער פּראָדוקציע, וואו עס זענען פריהער מאַשינען נישט געווען, אָדער דורך דעם, וואָס מען פערבייט די איינגעפיהרטע מאַשין מיט אַ נייער, אַ פערבעסערטער, און אַזוי ווי די פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט איז אַ נויטווענדיגער תּנאי פאַר דעם קאַפּיטאַליסט—אָהן ריוח קאָן ער דאָך נישט אויסקומען!—פיהרט ער טאַקי איין אַלץ נייע און נייע מאַשינען. אין דער מאַנופאַקטור, ווען די צוגלידערונג פון דער אַרבייט איז ביז אַ געוויסער גרעניץ דורכגעפיהרט, בלייבט דער אופן פון דער פּראָדוקציע שטעהן אויף אַנ׳אָרט, אַזוי ווי פערגליווערט. איין און דערזעלבער אופן געהט-איבער בירושה פון איין דור צום צווייטען, פון פאָטער צום זוהן, אַזוי ווי מיר זעהען עס אין די צעכען. אין דער פאַבריק-פּראָדוקציע טרייבט דעם קאַפּיטאַליזם דאָס שטרעבען צו בעקומען אַלץ אַ גרעסערן ריוח צו פערבעסערן די פּראָדוקציאָנס-אופנים, איינצופיהרען אַלץ נייע מאַשינען. אָט די דאָזיגע אָנווענדונג פון מאַשינען וואַרפט אַרויס אויפ׳ן מאַרק אַסך „העגד", וועלכע זענען געוואָרען איבריג. די דאָזיגע „העגד" מוזען זיך צופּאַסען צו אַנדערע מאַשינען, אָבער דאָס איז פאַר זיי שווער, ווייל איטליכע מאַשין פאָדערט צו זיך אַנ׳אַרבייטער, שוין אַ צוגעפּאַסטען צו איהר, אַ צעקאַליעטשעטען **אויף איהר שטייגער**. אויף אַזאַ אופן האָט די פאַבריק-פּראָדוקציע, ווייל זי פיהרט איין אַלץ נייע און נייע מאַשינען, ווייל זי געפינט זיך אין אַ בע-

שטענדיגער בעוועגונג, אין זיך די טבע, אַז זי וואַרפט-אַרויס אָפּטמאָל אויפ׳ן מאַרק „אַרבייטס-הענד" און פאָדערט, אַז זיי זאָלען פערשטעהן די אַרבייט ביי יעדער מאַשין. ווידער האָבען מיר אַ שרייענדע סתירה פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַ סתירה, וועלכע טראָגט אין זיך שרעקליכע צרות פאר דעם אַרבייטער-קלאַס. דאָס וואָס די קאַפּיטאַליסטען זענען אַזוי דורשטיג נאָך ריוח, טרייבט זיי דערצו, זיי זאָלען איינפיהרען אַלץ נייע מאַשינען. נאָר ס׳זענען פאַרהאַן אַזעלכע מאַשינען, וועלכע קאָסטען זעהר טייער און וואָס נור גרויסע קאַפּיטאַליסטען זענען אומשטאנד זיי איינצופיהרען. ווען אַ גרויסער קאַפּיטאַליסט וועט איינפיהרען אַזאַ מאשין, וועלכע דער קליינער קאפּיטאליסט קאָן נישט איינפיהרען, וועט דער גרויסער קאפּיטאליסט מנצח זיין אין דעם קאָנקורענץ-קאמף, וואָס וועט פאָרקומען צווישען זיי, ווייל זיין נייע מאשין, וואָס האָט פערגרעסערט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, גיט איהם די מעגליכקייט צו פערקויפען זיין סחורה ביליגער, איידער דעם קליינעם קאפּיטאליסט. אַזוי ווי די מאנופאקטור פעריאָגט פון מארק די זעלבסטשטענדיגע בעלי-מלאכות, אזוי פעריאָגט אויך א גרעסערע מאנופאקטור די קלענערע; אזוי ווי די פאבריק דערשלאָגט די מאנופאקטור, אזוי מוז די גרויסע פאבריק דערשלאָגען דורך איהר קאָנקורענץ די קלייגע. בקיצור, די קאָנקורענץ שטרעבט איבערצוגעבען די פּראָדוקציע אין די הענד פון די גרויסע קאַפּיטאליסטען.

נאָר דער גרויסער קאַפּיטאַל האָט די מעגליכקייט צו שאַפען גרויסע פערבעסערונגען אין דער פּראָדוקציע און מאַכען דערמיט די אַרבייט וואָס מעהר פּראָדוקטיוו. דער וויכטיגסטער סימן, וואָס צייכענט-אויס די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, איז דאָס, וואָס דער גרויסער קאַפּיטאַליסט און די גרויסע פּראָדוקציע פערנעמען דאָרט דאָס הויפּט-אָרט.

די גרויסע פאַבריקאַנטען ווייסען נישט גענוי, וויפיעל סחורות עס פאָדערט זיך אויף די מערק, נאָר צוגלייך שטויסט זיי דאָס שטרעבען צו בעקומען וואָס מעהר ריוח, אַז זיי זאָלען אויסאַרבייטען וואָס מעהר סחורות. צוליעב דעם קומט-פאָר אָפטמאָל, אַז די מערק ווערען איבערפולט מיט סחורות, וועלכע בלייבען

ליעגען אָהן בעוועגונג. די איינפיהרונג פון מאַשינען וואַרפט-אַרויס אויפ'ן גאַס די „איבריגע" אַרבייטער און פערקלענערט דעם לוין פון די, וועלכע זענען פערנומען ביי דער אַרבייט. צוליעב דעם מוזען די אַרבייטער אָנהויבען וועניגער צו געברויכען פער-שידענע סחורות, און די נאָכפראַגע אויף סחורות מוז זיך פער-קלענערן. און פונדעסטוועגען, הגם די נאָכפראַגע איז געוואָרען קלענער, אַרבייטען-אויס די פון דאָס ניי-אײַנגעפיהרטע מאַשינען נאָך מעהר סחורות איידער פריהער, און פערגרעסערען נאָך מעהר דעם אָנבאָט. דאָס איז ווידער איינע פון די סתירות פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, צוליעב וועלכע עס שטעלט זיך אָב די גאַנצע פּראָדוקציע און עס קומט פאַר דאָס, וואָס ווערט אָנגערופען קריזיס.

צוליעב דעם, וואָס דער מאַרק איז איבערפולט מיט סחורות און די לאַגע פון די אַרבייטער איז זעהר אַ שלעכטע, איז נישטאָ קיין נאָכפראַגע אויף סחורות און דערפאַר מוז די פּראָדוקציע ווערען פערקלענערט. די גרויסע קאַפּיטאַליסטען מוזען פערקלע-נערן זייער פּראָדוקציע אָדער זי איינגאַנצען אָבשטעלען; צוליעב דעם ווערען ווידער אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס גרויסע מאַסען אַרבייטער, פאַר וועלכע עס איז נור געבליבען איין וועג—דער הונגער-טויט! אויף אַזאַ אופן איז די גרויסע פּראָדוקציע אַ שטע-קען מיט צוויי עקען, און מיט די ביידע עקען שלאָגט זי די אַרבייטער. איין מאָל שלאָגט זי זיי דורך דעם, וואָס זי פיהרט-איין מאַשינען און מאַכט אַטייל פון די אַרבייטער פאַר איבריגע, אַ צווייט-מאָל שלאָגט זי דורך דעם, וואָס זי פערמאַכט די פאַב-ריקען. און אַזאַ צושטאַנד חוזר'ט זיך איבער פון צייט צו צייט.

לאָמיר איצט מאַכען אַ סך-הכל פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט:

די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט הויבט זיך אָן דאָרט, וואו די געזעלשאַפטליכע פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט האָט גע-מאַכט די אַרבייט מעהר פּראָדוקטיוו און וואו צוגלייך מיט דעם האָבען די אַרבייטער פערלוירען זייער אַרבייטס-געצייג. דער

הויפט-יסוד פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט איז געדונגענע אַרבייט און דאָס וואַקסען פון'ם קאַפּיטאַל אויפ'ן חשבון פונ'ם מעהרווערטה, וועלכען די אַרבייטער שאַפען. די ערשטע פאָרם פונ'ם קאַפּיטאַליזם—די מאַנופאַקטור—ברענגט מיט זיך פאָלגענדעס: פון איין זייט מאַכט זי ערגער די לאַגע פון די זעלבשטענדיגע קליינע בעלי-מלאכות, פון דער אַנדער זייט מאַכט זי איהרע אַרבייטער פאַר קאַליקעס דורך דער צוגלידערונג פון דער אַר-בייט. די קאָנקורענץ פון דער מאַנופאַקטור רופט-אַרויס די ער-שיינונג פון מאַשינען. די מאַשינען פערבייטען דעם כח און די געשיקטקייט פון די אַרבייטער. פון איין זייט וואַרפען זיי אַרויס די איבריגע „אַרבייטס-הענד", פון דער אַנדערער זייט ציהען זיי צו דער אַרבייט פאַר דעם קאַפּיטאַל ווייבער און קינדער. די שרעקליכע קאָנקורענץ פון די אַרבייטער, צוליעב דער איינפיהרונג פון מאַשינען, גיט די קאַפּיטאַליסטען אַנ'אונבעגרענצטע הערשאַפט איבער די אַרבייטער. די הערשאַפט דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס זיי פערלענגערן אָהן אַ מאָס דעם אַרבייטס-טאָג און פער-קלענערן דעם לוין. די פערקלענערונג פון דעם אַרבייטס-לוין צווינגט דעם אַרבייטער צו פערקויפען דעם קאַפּיטאַליסט די אַר-בייטס-קראַפט פון ווייב און קינדער; פאַר דער האַרעוואַניע פון אַ גאַנצער אַרבייטס-פאַמיליע צאָהלט מען אַזויפיעל, וויפיעל מען צאָהלט אין דער מאַנופאַקטור פאַר דער אַרבייט פון דעם פאַ-מיליען-פאָטער. די מאַשין-פּראָדוקציע מאַכט די אַרבייטער פאַר קערפּערליכע קאַליקעס דערמיט, וואָס זי פאַסט-צו דעם אַרביי-טערס גוף צו דער מאַשין און מאַכט חרוב זיין שכל, ווייל זי טיילט-אָב די אינטעלעקטועלע זייט פון דער פּראָדוקציע פון איהר פיזישער זייט. די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט וואַרפט אַרונטער דעם אַרבייטער פאָלקאָם אונטער דעם רשות פון קאַפּיטאַל, וועל-כער ווייס נישט פון קיין אמת, פון קיין עהרליכקייט, פון קיין גוטסקייט, פאַר וועלכען עס איז פאַרהאַן בלויז איין געזעץ—דער ריוח.

איצט זעהען אונז פערשטענדליך די ערשיינונגען פון לעבען, וועלכע קומען אונז פאָר פליאָה'דיג פון ערשטען אויגענבליק. מיר ווייסען איצט, ווער עס אַרבייט און ווער נישט, ווער עס שמאַכט און ווער עס פערשווענדעט. מיר ווייסען, ווי דאָס קומט־פאָר; מיר פערשטעהען, פאַר וואָס מוז דער אַרבייטער אַרומוואָלגלען איבער דער וועלט, נאָכיאָגענדיג זיך נאָכ'ן שטיקעל ברויט. מיר פערשטעהען, ווי אַזוי עס קומט-פאָר אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט אַ קאָנקורענץ פון אַלעמען געגען אַלעמען, אין וועלכער איין מענש איז אַ דם-שונא דעם אַנדערען! איצט לאָמיר זעהן, ווי קאָן די מענשליכע ווירטשאַפט אייגעשטעלט ווערען אויף אַנדערע יסודות, ביי וועלכע עס זאָלען נישט זיין די צרות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

8־טער קאַפּיטעל.

געזעלשאַפטליכע ווירטשאַפט.

צווישען אַלע אומגליקען, וועלכע פּלאָגען דעם מענשען, זענען פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס זענען אָפּהענגיג פון נאַטור-סבות (למשל, טויט פון עלטער), עס זענען ווידער פאַרהאַן אַנדערע, וואָס הענגען-אָפּ פון מענשליכע אָרדנונגען, פון מענשליכע בעציהונגען. די ערשטע קאָנען נישט ווערען אָפּגעשאַפט אינגאַנצען, זיי קאָנען נור ווערען אָפּגעשוואַכט—זיי זענען נאַטור-געזעצען; אָבער די לעצטע קאָנען און מוזען ווערען אָפּגעשאַפט. די מליצי-יושר פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, ציטערנדיג, עס זאָל איהר חס ושלום אַ האָר נישט אָנגעריהרט ווערען, האָבען זיך בעמיהט צו בעווייזען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט איז אַ געזעץ פון דער נאַטור, אַז אָבשאַפען די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט קאָן מען נישט, אַקוראַט ווי מען קאָן נישט אָבשאַפען דעם טויט. דערפאַר מוזען די אַרבייטער שטענדיג שלעפען זייער פעקעל און די קאַפּיטאַליסטען זייערען. די הערען קאַפּיטאַליסטען איז, אפנים, זייער פעקעל לייכט צו טראָגען: קיין אַנדער זאַך ווילען פערגעניגען פיהלען זיי פון איהם נישט;

דערפאַר האַלטען זיי זיך מיט אַלע כוחות פאַר דעם געדאַנק, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט איז אַ נאַטור-געזעץ, און זיי שרייען גוואַלד, ווי נור מען הויבט-אָן צו שמועסען וועגען אומענדערן די היינטיגע אָרדנונג. דערויף ענטפערען מיט רעכט די פערטייזיגער פון דעם אַרבייטער-קלאַס, אַז די נאַטור האָט נישט בעשאַפען די איינע הענד אויף בעשטענדיג רוהען, און די אַנדערע אויף בעשטענדיג האָרעווען; איין בויך—פאַר פיינע שפייזען, און דעם אַנדערען—פאַר טרוקען ברויט; די נאַטור האָט נישט בעשאַפען קאַפּיטאַליסטען און אַרבייטער! די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט האָבען בעשאַפען נישט קיין קרעפטען נאַטירליכע, נאָר געזעלשאַפטליכע און די געזעלשאַפטליכע קרעפטען מוזען איצט שאַפען גאָר אַנ'אַנדערע ווירטשאַפט-אָרדנונג — אַנ'אָרדנונג פון סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט, אין וועלכער עס זאָלען נישט מעגליך זיין די אַלע צרות, וועלכע קומען-פאָר אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דער יסוד פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, און צוגלייך די סבה פון אַלע אומגליקען פונ'ם אַרבייטער-קלאַס, זענען געדונגענע אַרבייט און קאָנקורענץ. מיר האָבען שוין געזעהן, אַז פריהער פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט איז געווען אַ ווירטשאַפט פון קליינע זעלבשטענדיגע פּראָדוצענטען, אַווירטשאַפט, אין וועלכער יעדער אַרבייטער האָט אויך געהאַט זיינע אייגענע אַרבייטס-געצייג. דערנאָך, מיט דער הילף פון פערשידענע אונרעכטען און גזלות, זענען די אַרבייטער געוואָרען אָבגעריסען פון די אַרבייטס-מיטלען, פון איין זייט האָט זיך נעבילדעט אַ קאַפּיטאַליסטען-קלאַס, פון דער אַנדערער — „אַרבייטס-הענד". מיר האָבען שוין געזעהן די שרעקליכע רעזולטאַטען פון אַזאַ אָרדנונג. דערפאַר מוז זיין דער הויפּט-יסוד פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט די אָבשאַפונג, די אָבוועזענהייט פון געדונגענער אַרבייט. אַרבייטס-קראַפט, אין אינאיינעם מיט איהר דעם אַרבייטערס פערזאָן, טאָר נישט בעהאַנדעלט ווערען, ווי אַ סחורה. נאָר כדי דער אַרבייטער זאָל קאָנען אויסקומען אָהן פערקויפען זיין אַרבייטס-קראַפט, מוז ער האָבען אין זיין רשות אַרבייטס-געצייג. הייסט דאָס, אין פלוג, אַז די מענשהייט מוז זיך אומקעהרען צו דעם אויסגאַנגס-פונקט; אַזוי ווי אין דער אַמאָליגער

ווירטשאַפט האָבען דער אַרבייטער און די אַרבייטס-געצייג פאָרגעשטעלט איין גאַנצעס, אַזוי וועט אויך אין דער נייער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט דער אַרבייטער נישט זיין אָבגעריסען פון די אַרבייטס-געצייג.

נאָר עס איז אַ טיעפער חילוק צווישען דער ווירטשאַפט פון קליינע זעלבשטענדיגע פראָדוצענטען און דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט. ביי דער געזעלשאַפטליכער פונאַנדערטיילונג פון דער אַרבייט אַרבייט-אויס יעדער אַרבייטער אין זיין ווירטשאַפט איין פראָדוקט, און דערביי פערבינדען זיך נישט די איינצעלנע אַרבייטער (די שלאָסערס, שוסטערס א. אַ. וו.) איינער מיט דעם אַנדערן, כדי זיך צו פערלייכטערן די אַרבייט. אויף אַזאַ אופן האָט נישט די קליינע ווירטשאַפט די אַלע מעלות פון בשותפות'דיגער אַרבייט און פון דער מאַנופאַקטור-צוגלידערונג פון דער אַרבייט, און מיר האָבען שוין געזעהן אויף וויפיעל די מאַנופאַקטור-צוגלידערונג פון דער אַרבייט פערגרעסערט איהר פראָדוקטיוויטעט. אויב איצט וואָלט זיך די מענשהייט מיט אַמאָל אומגעקעהרט צו דער קליינער ווירטשאַפט, וואָלט זי געהאַט אַסך היזק. ערשטענס, וואָלט זיך פערקלענערט די פראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט; צווייטענס, די אַלע אַרבייטס-געצייג, וועלכע זענען געוואָרען געשאַפען אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, די אַלע פאַבריקען און מאַשינען וואָלט מען געמוזט אַוועקוואַרפען, ווייל מען קאָן זיי נישט צעטיילען צווישען די זעלבשטענדיגע אַרבייטער, און געברויכען קאָן מען זיי נישט אַנדערש, ווי דורך בשותפות'דיגע אַרבייט. אָט דערפאַר דאַרף זיין די נייע ווירטשאַפט נישט אַ ווירטשאַפט פון בעזונדערע קליינע פראָדוצענטען, וואו יעדער אַרבייטער איז פאַר זיך אַ בעל-הבית איבער די אַרבייטס-געצייג. די נייע ווירטשאַפט וועט זיין אַ געזעלשאַפטליכע (אַ סאָציאַליסטישע), וואו די אַרבייטער וועלען קאָנען אויסנוצען אַלע מעלות פון בשותפות'דיגער אַרבייט, פון דער מאַנופאַקטור-צוגלידערונג פון דער אַרבייט און פון דער מאַשין-פראָדוקציע. פאַר אַ צו-טייערען פרייז האָט די מענשהייט געקויפט די אַלע פערבעסערונגען, וועלכע די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט האָט איינגעבראַכט, אַז זי זאָל זיך מיט אַמאָל אָב-

זאָגען פון זיי און זיך אומקעהרען צום אַמאָליגען צושטאַנד. די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט פעראייניגט אַסך אַרבייטער אין איין פּראָדוקציע, אויף איין פאַבריק, צווינגט זיי צו אַרבייטען אין קהל, מאַכט זייער אַרבייט פאַר אַ געזעלשאַפטליכע און פערגרע- סערט דערמיט איהר פּראָדוקטיוויטעט. די איינפיהרונג פון מאַ- שינען מוז פערגרינגערן און פערקלענערן די האָרעוואַניע פון די אַרבייטער. אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג פערקירצט נישט די איינפיהרונג פון מאַשינען די אַרבייטערס האָרעוואַניע; ביי איין טייל אַרבייטער נעהמט זי אינגאַנצען אָב די אַרבייט און פאַר דעם אַנדער טייל פערלענגערט זי אָהן אַ שיעור די אַר- בייטס־צייט. די מאַשינען האָבען בעדאַרפט פערקירצען און פער- גרינגערן די האָרעוואַניע פון די אַרבייטער, נאָר אין דער קאַ־ פּיליסטישער ווירטשאַפט זענען זיי זייערע ערגסטע פיינד. אין דער סאָציאַליססישער ווירטשאַפט בלייבט די פּראָדוקציע די זעל- בע, ווי אין דער קאַפּיטאַליסטישער, ד. ה., די אַרבייט פון די אַרבייטער וועט זיין אַ בשותפות׳דיגע, אַ געזעלשאַפטליכע, ווייל נור ביי געזעלשאַפטליכער אַרבייט איז מעגליך דער געברויך פון מאַשינען און בכלל די איינפיהרונג פון גרויסע פערבעסערונגען, וואָס מאַכען די מענשליכע אַרבייט זעהר פּראָדוקטיוו. נאָר אַזוי ווי די אַרבייטס-געצייג וועלען געהערען דער גאַנצער געזעל- שאַפט, ד. ה., די אַרבייטער גופא, דערפאַר וועט זיי געהערען דער מעהרוערטה, וועלכען זיי אַרבייטען איצט אויס פאַר די קאַפּיטאַליסטען. דערין ליעגט דער גאַנצער תוך פון דעם סאָ- ציאַליסטישער געזעלשאַפט. עס וועט נישט זיין קיין קאַפּיטאַ- ליסטען, און דער צוועק פון דער פּראָדוקציע וועט זיין נישט ריוח, נאָר די בעפרידיגונג פון מענשליכע בעדערפנישען. דער־ פאַר וועט אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט די איינפיהרונג פון מאַשינען נישט אַרויסוואַרפען די „איבריגע“ „אַרבייטס-הענד“ אויפן גאַס און פאַר די אַנדערע פערלענגערן די אַרבייטס-צייט— נאָר זי וועט פאַר אַלע אַרבייטער פערקירצען די אַרבייטס־צייט און פערלייכטערן די אַרבייט. ווען אויף אַ פאַבריק אַרבייטען הונדערט מענשען, און די ניי-ערפונדענע מאַשין קאָן פערבייטען מיט זיך פופציג, וועט אין דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט די

איינפיהרונג פון דער מאשין נישט אַרויסוואַרפען די איבריגע פופציג אויפ'ן גאס, נאָר דער אַרבייטס־טאָג וועט פאַר אַלע הונדערט צוויי מאָל קירצער ווערען.

אַלזאָ, כדי פּטור צו ווערען פון אַלע צרות, פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, סחורה-פּראָדוקציע און קאָנקורענץ מוז מען אָבשאַפען דאָס פּריוואַט-אייגענטום אויף די געצייג און אַרבייטס-מיטלען און זיי מאַכען פאַר אַ בשותפות - אייגענטום פון אַלע אַרבייטער. מען מוז אָבשאַפען אַלע פּריוואַט-ווירטשאַפטען און איינפיהרען איין אַלגעמיינע גרויסע ווירטשאַפט, וואו אַלע זאָלען אַרבייטען פאַר דעם אַלגעמיינעם נוצען. מען מוז אָבשאַפען די סחורה־פּראָדוקציע, די פּראָדוקציע צום קויפען און פערקויפען, און מען מוז איינפיהרען אַ פּראָדוקציע פאַר דעם אַלגעמיינעם פערבּרויך.

מיט איין וואָרט, מען מוז איינפיהרען אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג.

נאָר צו איז מעגליך איינצופיהרען אַ סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט? צו קאָן די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פאָלקאָם פערזאָרגען אַלע איהרע מיטגליעדער?

די בורזשואַזע געלעהרטע האַלטען אין איין טענה'ן, אַז ווען מען זאָל אפילו צונויפנעהמען אַלע רייכטומער פון דער גאַנצער וועלט און זיי גלייך פונאַנדערטיילען צווישען אַלעמען, וואָלטען אַלע געמוזט לעבען אין דחקות. דערפון דרינגען זיי אַרויס, אַז אָרימקייט איז אַ נאַטירליכע זאַך, אַז דאָס איז אַ צרה, וועלכע מען קאָן נישט אויסמיידען; אין דער היינטיגער אָרדנונג, טענה'ן זיי, איז פאָרט בעסער: וועניגסטענס זענען אייניגע פערזאָרגט דורך די אַרבייט פון אַנדערע און קאָנען ענטוויקלען וויסענשאַפט און קונסט, קאָנען מאַכען ערפינדונגען, וואָס פערגרעסערען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. צווינגט אָבער צו אַרבייטען אַלעמען גלייך — דאַמאָלס וועט זיך אָבשטעלען די ענטוויקלונג פון דער וויסענשאַפט און מיט איהר די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט, די בעפעלקערונג אָבער וועט וואַקסען ווי פריהער, און באַלד וועט זיך איינשטעלען אַן'אַלגעמיינע אָרימקייט און אַ שאַרפע מלחמה איבער יעדען שטיקעל ברויט. ביי

דער יעצטיגער אונגלייכהייט איז פאַרהאַן אַ סך ליידען, אָבער אַזוי איז שוין די וועלט געבויט; די איינפיהרונג פון אַלגעמיינער גלייכהייט וואָלט אינגאַנצען חרוב געמאַכט די וועלט.

לאָמיר זעהן, צו איז דאָס טאַקי אַזוי. עס איז אויסגערעכענט, אַז אין די געבילדעטע לענדער פון אייראָפּא און פון אַנדערע וועלט-טיילען, ווערען אויסגעאַרבייט יעדעס יאָהר פערשידענע פּראָדוקטען אין סחורות פאַר 89,630 מיליאָן רובל. אויף יעדען מענשען מאַכט עס אויס 802 רובל אַ יאָהר; הייסט דאָס, אויף אַ פאַמיליע פון פינף מענשען 1,040 רובל, דאָס איז שוין גאָר נישט אַזוי ווייניג! נאָר מיר האָבען דאָ גערעכענט אַלע לענדער אינאיינעם, אָבער לאָמיר נעהמען די מעהר געבילדעטע. אין ענגלאַנד וואָלט דאַמאָלס אויסגעקומען 1,685 רובל אויף אַ פאַמיליע און אין אַמעריקא — 1,950 רובל דאָס איז שוין גאָר נישקשה!

נאָר בעשטעהט דען דער סאָציאַליזם דערין, וואָס מען זאָל צונויפקליבען און פונאַנדערטיילען אויף גלייך אַלע איצטיגע הכנסות? בשום אופן נישט. איצט אַרבייטען נאָך ווייט נישט אַלע, אַסך מענשען געהען אַרום פוסט-און-פּאַס. גרויסע מאַסען זענען פערנומען מיט אומנוצליכער און צום טייל שעדליכער אַרבייט. פאַר דער אַרמעע זענען אָבגעריסען פון 100 אַרבייטס-פעהיגע אין שלום-צייט 3—4, אין מלחמה-צייט אפילו ביז 10 געזונדע אַרבייטס-פעהיגע מענשען; דאָס זענען די בעסטע אַרבייטס-קרעפטען, און אַנשטאָט דעם, וואָס זיי זאָלען אויסהאַלטען די בעפעלקערונג, מוז די בעפעלקערונג זיי אויסהאַלטען מיט איהר אַרבייט. איצט פערנעהמען זיך מיט ערד-אַרבייט און מלאָכות אינגאַנצען דריי פירטעל פון דער בעפעלקערונג; פון דעם געבליבענעם פירטעל פערנעמט זיך אַ גרויסער טייל מיט האַנדעל און ספּעקולאַציעס און נאָך אַזוינע געשעפטען, וואָס זענען גאָר נישט מוסיף צום רייכטום פון לאַנד. וויפיעל מענשען זענען פערנומען דערמיט, וואָס זיי דיענען פערשידענע פריצישע לעדיג-געהער און בעפרידיגען זייערע קאַפּריזען!? מיר האָבען שוין געזעהן, ווי אָפט עס קומען פאָר ביי דער איצטיגער אָרדנונג האַנדעלס- און פּראָדוקציאָנס-קריזיסען. וויפיעל מענשען זיצען דאַמאָלס אָהן

אַרבייט! וויפיעל סחורות געהען אַוועק לאיבוד, ווייל עס געפינען זיך נישט קיין קונים אויף זיי! מען האָט אויסגערעכענט, אַז בלויז די באַנקראָטען אין קריזיס-צייט קאָסטען דעם לאַנד 5 רובל פון 100 רובל קאַפּיטאַל! און וויפיעל אַרבייטס-טעג געהען פערלוירען אין דער צייט פון שטרייקען, וואָס זענען ביי דער איצטיגער אָרדנונג נויטווענדיג!? וויפיעל מענשען זיצען אין אַ געוועהנליכע צייט אָהן אַ שטאָך אַרבייט!? וויפיעל צייט געהט פערלוירען אין רוסלאַנד ווינטער פאַר די פויערים, וועלכע בע-קומען אַזוי שווער אַ זייטיגען פערדינסט!? עס איז קלאָר, אַז ביי אַן'איינטיילונג פון אַרבייט, וואָס זאָל זיין כאָטש אַ ביסעל איינ-געשטעלט לויט דעם שכל הישר, מוזען די הכנסות פון לאַנד שטאַרק וואַקסען. די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג איז זעהר שעד-ליך פאַר דער מענשהייט, און איטליכער איבריגער טאָג, וואָס זי עקזיסטירט נאָך, ברענגט איהר אַסך הזיקות.

און די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט? צו דען וואָלט זי נישט געוואַקסען אין דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג אַסך שנע-לער? די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, האַלט-אָב אָפטמאָל דעם וואוקס פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. לאָמיר נעמען, למשל, ערד-אַרבייט. זי ענטוויקעלט זיך זעהר לאַנגזאַם, און ס'איז נישטאָ וואָס דעריבער צו וואונדערן זיך. דען ווער זאָל פערבעסערן די ערד-אַרבייט? דער פויער איז דערשלאָגען, אונוויסענד, אָרים. ווי נור צו איהם אין קעשענע כאַפּט זיך אַריין אַן'איבריגער גראָשען, שטעהען שוין גרייט איהם צוצונעהמען דער עקזעקוטאָר פון פּאָדאַטקעס אָדער דער „קולאַק" מיט זיינע גנבה'שע געגנג. ווי קאָן ער גאָר טראַכטען וועגען פערבעסערן די פּראָדוקציאָנס-אופנים? פון וואַנען זאָל ער נעמען די מיטלען, וואָס זענען נויטיג דערויף? ער אַקערט זעהר אָפּט מיט אַ סאָכע פון מלך סאָביעסקי'ס צייטען די ערד, וואָס איז שוין איינגאַנצען אויסגעדאַרט. ער וואַרפט אַריין שלעכטע זוימען. געפּענטעט די הענד און די פיס מיט פּאָדאַטקעס, האָבענדיג ווע-ניג ערד, צאָהלענדיג די טייערע אַרענדע, אייביג אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה, בעלאָדען מיט חובות איבער'ן קאָפּ, פערקריפּעלנ-דיג אַלץ פאַר ביליג און קויפענדיג טייער, קאָן דער פויער זיך

נישט אויסגלייכען, ער קאן זיך נישט ארויסרייסען פון אונטער דער ערד׳ס ממשלה; זיין לעבען הענגט אלעמאל אויף א האר, עס הענגט-אב פון אלע צופאלען און קאפריזען פון דער נאטור.

פון דער אנדער זייט לוינט עס אפטמאל נישט די גרויסע ערד-בעזיצער, צו מאכען אין זייער ווירטשאפט וועלכע-נישט-איז פערבעסערונגען, ווייל די לעצטע קאסטען טייער און ווייל עס פאדערט זיך דערצו, אז די ארבייטער זאלען זיין געלערנט און זאלען פארזיכטיג און געשיקט זיך בענעהמען מיט די נייע מא-שינען און איינריכטונגען. און ווען מען קאן אזעלכע ארבייטער נישט קריגען, און ווען מען קאן פאר א שפאט-פרייז קריגען א פויער, וואס איז גרייט צו בעארבייטען דעם פריצ׳ס פעלד מיט זיין אייגען געשפאן, מיט זיינע אייגענע געצייג, אדער ווען מען קאן אהן דאגות פאר א גרויסען פרייז פערדינגען די ערד פאר געלד אדער פאר א טייל פון דער תבואה דעם אייגענעם ארביי-טער—טא צו וואס דארף דער פריץ דאגה׳ן נאך וועגען דער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, און בפרט, אז אליין טויג ער צו גארנישט און פערשטעהן פערשטעהט ער נור ווי אזוי צו פערלעבען, און נישט ווי צו פערדינען? עס איז גאר א מורא זיך פארצושטעלען, וואס פאר אנ׳אונגעהויערער שאדען קומט ארויס פאר דער גאנצער מענשהייט פון אזא ארדנונג! נאר אויך ביי אזא נידריגע פרעדוקטיוויטעט פון דער ארבייט בעקלאגען זיך די לאנדווירטען אויף דער איבער-פראדוקציע פון תבואה, אויף די נידריגע פרייזען, און פערקירצען זעהר אפט די צאהל פון די געאקערטע פעלדער.

אין די עטליכע געבענשטע ערטער, וואו דער ערד-ארביי-טער האט געקאנט פריי אויפאטעמען, אויפהויבען אביסעל זיין קאפ, פערנעהמען זיך ווי געהעריג מיט פערבעסערונג פון זיינע פעל-דער, אדער דארט, וואו די ערד-בעזיצער האבען נישט געהאט ד׳ מעגליכקייט פשוט צו בערויבען די פויערים, נאר זיי האבען געמוזט אויך פערבעסערן די פראדוקציאנס-אופנים — אין אזעלכע ווינקעלעך זעהען מיר אמת׳ע וואונדער, וואס דער מענשלי-כער שכל און מענשליכע ארבייט קאנען אויפטהון.

אין דער צייט, ווען פאר א רוס׳שען פויער איז א ראבנע-

מען 5—6 טשעטווערט פון אַ דעסיאַטין די העכסטע מדרגה, וואָס עס קאָן נור געבען, זענען פאַרהאַן אין צפון-פראַנקרייך אַזעלכע ערד-אַרבייטער, וואָס בעקומען 15—19, און אין זעלטענע, אויסגעמליך גוט-איינגעשטעלטע ווירטשאַפטען — ביז 26 און 28 טשעטווערט פון אַ דעסיאטין; אויף אַזאַ אופן קאָנען אין די דאָזיגע זעלטענע פאַלען פון איין דעסיאַטין ערד 12 מענשען ציהען זייער חיונה! עס פערשטעהט זיך, אַז זיי אַקערען אָפטמאָל די ערד מיט אַ פערבעסערטען דאַמף-אַקער-אַייזען; זיי אַקערן איין מאָל און נאָך אמאָל און בראָנעווען; די זוימען נעמען זיי סאָרטירט פון אַ סאָרטיר-מאַשין; די זוימען וואַרפען זיי נישט פונאַנדער גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר זיי פלאַנצען זיי אין רייהען אויף אַ בעזונדערען אופן, זיי בעגיסען מיט וואַסער, זיי מיסטיגען די ערד מיט אַזאַ מין מאַטעריאַל, פון וועלכען דער רוסישער פויער האָט אַפילו נישט געהערט און וועט אַזוי גיך נישט הערען.

ביי פאַריז צאָהלען אָפטמאָל די גערטנער אַרענדע אויף אונזער געלד 700, 800, 1000 רובל פאַר אַ דעסיאַטין. ווי אַזוי קאָנען זיי אויסצאָהלען אַזאַ סומע? ווייל זיי ברענגען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט צו אַ הויכער מדרגה. דערמיט, וואָס זיי מיסטיגען און מאַכען ווייך די ערד, בעקומען זיי אַ בעזונדערלייכטע גאָרטען-ערד; אין די בעסטע ווירטשאַפטען פיהרט דער גערטנער צום סוף פון דעם אַרענדע-קאָנטראַקט מיט זיך אַוו[illegible] די גאַנצע ערד, זיי זייהען אונטער גלאָז, זיי בעדעקען פלאַנצען מיט גלעזערנע ראַמען, בויען מיסט-הייזער און הייצען זיי, מיט בעזונדערע איינריכטונגען וואַרעמען זיי דורך די ערד זעהר טיעף. איינער פון אַזעלכע גערטנער האָט בעקומען פון [illegible] שטיק ערד פון 50 קלאַפטער די לענג און 46 די ברייט—לערך איין דעסיאַטין — אין אַ יאָהר 670 פוד מעהרען, 6000 קעפּלעך איינפאַכע קרויט, 3000 קעפּלעך בלומען-קרויט א. א. וו.—אינגאַנצען לערך 7000 פוד פרוכטען און גרינס;

אמת, מיר האָבען דאָ דערצעהלט וועגען אויסנאַמליכע פאַלען. זיי זענען איצט זעהר זעלטען. נאָר די אויפגאַבע פון דעם סאָציאַליזם בעשטעהט טאַקי דערין, צו בעשאַפען פאַר די

מענשען אַזעלכע גוטע בעדינגונגען, ביי וועלכע אַזעלכע זעלטענע פאַלען זאָלען ווערען געוועהנליכע, און אַלע מענשען וועלען לעבען אין פולען גליק און צופרידענהייט.

ווען מיר זעהען אַזעלכע וואונדער, וואָס זענען אויפגעטהון דורך דעם מענשליכען שכל אזן די מענשליכע קונסט, מוז מען זיך נור אויסלאַכען פון די, וועלכע זאָגען, אַז דערפאַר זענען פאַראַן אַזויפיעל אָרימע לייט, ווייל ס׳זענען דאָ צופיעל מענשען, און אויף דער ערד איז פאַר זיי געוואָרען צו ענג. ניין, צרות און אומגליקען זענען פאַראַן אַזויפיעל דערפאַר, ווייל די היינטיגע אָרדנונג ברענגט די מענשען צו אָרימקייט, אונוויסענהייט און שקלאַפישע אַרבייט; מען מאַכט זיי פאַר לאַסט־בהמות, מען לאָזט זיי נישט בעהערשען די נאַטור, צו ווערען איבער איהר בעלי־בתים. און דאָס איז נישט בלויז אין דער ערד־אַרבייט; דאָס זעלבע, נאָר אין אַ קלענערער מאָס, געפינען מיר אויך אין דער פאַבריק־פּראָדוקציע, אויך דאָרט לאָזט נישט די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג קיין פרייען פלאַץ פאַר די ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. אין רוסלאַנד, למשל, לוינט עס נאָך נישט די קאַפּיטאַליסטען איינצופיהרען אַסך מאַשינען, וועלכע זענען שוין אין ענגלאַנד לאַנג איינגעפיהרט. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס ביי אונז איז אַרבייטס־קראַפט ביליגער, איידער דאָרט. ביי דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג וועט מען קאָנען מיט אַמאָל איינפיהרען אַסך מאַשינען, וועלכע מען קאָן איצט נאָך נישט איינפיהרען. ווען אַ מאַשין פערשפּאָרט מעהר אַרבייט, איידער עס איז נויטיג, כדי זי פערטיג צומאַכען, וועט זי שוין לוינען אין דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג. איצט איז דאָס נישט אַזוי. איצט איז פאַר דעם קאַפּיטאַליסט נישט וויכטיג, וויפיעל אַרבייט האָט די מאַשין פערשפּאָרט, נאָר וויפיעל בעצאָהלטע אַרבייט זי האָט איהם פערשפּאָרט. ער בעצאָהלט אָבער מעהר נישט ווי פאַר אַ טייל פון זיינע אַרבייטערס אַרבייט. די מאַשין קויפט דער קאַפּיטאַליסט פאַר איהר אמת׳ען ווערטה, די אַרבייטערס האָרעוואַניע—פאַר די העלפט. אָט דערפאַר האַלט אָב די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג די פערשפּרייטונג און די אָנווענדונג פון אַסך מאַשינען, דערפאַר פערהאַלט זי דעם וואוקס פון דער

פראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. און נור די סאָציאַליסטישע אָרדנונג קאָן שאַפען דערצו אַ פרייען פלאַץ.

און וויפיעל פעהיגקייטען געהען-אונטער, ווערען דערשיקט דורך אָרימקייט און אונוויסענהייט! די וועניגע מענשען פון דער מאַסע, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבען על פי נס צוצוקומען צו בילדונג, פערוואונדערען די וועלט און ערשטוינען זי מיט זייערע ערפינדונגען. מען וואונדערט זיך איבער זיי, מען ריהמט זיי, אָבער מען הויבט גאָר נישט אָן צו טראַכטען וועגען דעם, אַז אפשר זענען נאָך אַסך מעהר אַזעלכע בעגאַבטע און פעהיגע מענשען אונטערגעגאַנגען און פערלוירען געוואָרען אויף אייביג פאַר דער מענשהייט; זיי זענען צוגעדריקט געוואָרען מיט שקלאַפישע אַרבייט פאַר דעם הייפעל לעדיג-געהערס, וואָס זענען צו גאָרנישט פעהיג.

נור דער סאָציאַליזם וועט צוברעכען די קייטען, מיט וועלכע עס איז געשמיעדט דער שכל, ער וועט דערוועקען די קרעפטען און פעהיגקייטען, וועלכע דרעמלען איצט אין די פאָלקס-מאַסען און וועט אין דער שטאַרקסטער מאָס פערגרעסערן די מאַכט פונ׳ם מענשען איבער דער נאַטור. די היינטיגע וואונדער פון דער פראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט וועלען זיין ווי אַ קינדערשפיעל אין פערגלייך מיט דעם, וואָס דער סאָציאַליזם וועט געבען.

נאָר לאָמיר נישט זאָגען קיין נביאות. שוין איצט האָט זיך די פראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט אויף אַזוי פיעל געהויבען. אַז ביי אַ ריכטיגער פיהרונג פון דער אַלגעמיינער ווירטשאַפט וואָלט מען געקאָנט איטליכען פערזאָרגען מיט אַלץ, וואָס איז נויטיג פאַר אַ מענשליך לעבען. איין דייטשער געלעהרטער, אַ פריינד פון אַרבייטער-קלאַס, האָט געמאַכט אַ קלאָרען חשבון פאַר דער דייטשער מלוכה, וויפיעל מענשען מוזען אַרבייטען אין וויפיעל צייט, כדי צו פערזאָרגען אַלע 60 מיליאָן בירגער פון דער מלוכה מיט אַלע פראָדוקטען פון ערד-אַרבייט, אינדוסטריע, מלאָכות און קאָלאָניאַל-ווירטשאַפט (טיי, קאַווע א. אַ. וו.). אין זיין חשבון האָט ער גענומען אין בעטראַכט בלויז די היינטיגע מיטעלערע פראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט,

הגם ער האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז די דאָזיגע פּראָדוקטיווי־טעט שטעהט נישט אויף אַנ׳אָרט, נאָר זי וואַקסט מיט יעדען יאָהר. ער האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס פאַר אַ וואויל־שטאַנד קאָן דאָס פאָלק שוין איצט דערגרייכען און וויפיעל אַרבייט דאַרף עס דערויף געברויכען? ווען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט וועט אין דער צוקונפט וואַקסען, וועט, פער־שטעהט זיך, נאָך פערגרעסערן־זיך דער וואוילשטאַנד און מען וועט נאָך וועניגער דאַרפען האָרעווען. אָט וואָס עס קומט אַרויס לויט זיין חשבון:

כדי צו פערשאַפען פאַר אַ 60־מיליאָניגער בעפעלקרונג אַלע זאַכען, וואָס זענען נויטיג פאַר אַ זאַט אָנשטענדיג לעבען, איז גענוג, אַז 5 מיליאָן מאַנסלייט און 3,800,000 פרויען זאָלען אַר־בייטען יעהרליך נישט מעהר ווי אַכט שעה אַ טאָג; אינאיינעם איז עס 8,800,000 אַרבייטער און אַרבייטערינס, ד. ה., אונגע־פעהר אַ זיבענט־חלק פון דער גאַנצער בעפעלקערונג. מיט אַנדערע ווערטער, די אַרבייט פון איין אַרבייטער קאָן אויפהאַלטען פאָל־קאָם 7 מענשען. כדי פונאַנדערצוטיילען לויט יושר די פאַר די גע־זעלשאַפט נויטווענדיגע אַרבייט, וואָלט גענוג זיין, למשל, אַז מען זאָל איינשטעלען אַנ׳אַלגעמיינע אַרבייטס־פליכט, וועלכע זאָל דויערן נישט מעהר, ווי צעהן יאָהר פאַר מענער און זיבען יאָהר פאַר פרויען. צום ביישפּיעל, פון 15־טען אָדער 17־טען יאָהר ביז צום 25־סטען אָדער 27־סטען, און פאַר פרויען, פון 15 ביז 22. ביז 15 אָדער 17 יאָהר וואָלטען אַלע אויף קהל׳שע רעכנונג זיך לערנען אין שולען, כדי צו בעקומען אַ ראַציאָנעלע *) בילדונג און ערציהונג. דערנאָך וואָלטען אַלע דאַרפען אַריינטרעטען אין אַרבייטס־דינסט. און ווען זיי וואָלטען ענדיגען דעם דינסט, וואָל־טען זיי בעקומען אַ יעהרליכע פענסיע, וועלכע זאָל זיין גענוג אויף צו לעבען אָהן נויט און צו ערציהען זייערע קינדער, ביז זיי וועלען אַריינטרעטען אין דעם אַרבייטס־דינסט. ווען עמיצען וואָלט זיך פערוועלען צו האָבען חוץ דאָס נויטווענדיגע אויך לוקסוס־זאַכען, וואָלט ער דאַמאָלס געקאָנט אַריינטרעטען אין פרייע

*) ראַציאָנעל הייסט: דאָס וואָס איז איינשטימיג מיט׳ן שכל הישר.

בעל-מלאָכה׳שע געזעלשאַפטען (אַרטעלען), אין וועלכע, נאָך אַזעלכע ווי ער, וואָלטען אויסאַרבייטען לוקסוס-זאַכען פאַר זיך לויט זייער אייגענעם פאַרלאַנג. אויף אַזאַ אופן וואָלט אַ פאַמיליע דורך אַ צעהן-אָהריגע געזעלשאַפטליכע אַרבייט, (און פאַר פרוי-ען פאַר זיבען יאָהר) געקאָנט זיך פאָלקאָם פערזאָרגען אויף דעם גאַנצע לעבען, אַ יונגערמאַן אָדער אַ מיידעל, דערנאָך ווי זיי האָבען אָבגעאַרבייט די צייט וואָס זיי מוזען, וואָלטען געקאָנט אויסנוצען אין פאָלקאָמער פרייהייט זייערע בעסטע לעבענס-יאָה-רען און וואָלטען געקאָנט פערברויכען זייער צייט אָדער אויף ווייטער צו אַרבייטען, כדי נאָך מעהר אויסצובעסערן זייער וואויל-שטאַנד, אָדער נור אויף גייסטיגע ענטוויקלונג און פערשידענע מענשליכע פערגניגענס, ווען זיי ווילען זיך בעגנוגענען מיט אַ לעבען פון מיטעלע מענשען. נאָר דאָס איז נאָך ווייניג. אין אַ בעפעלקרונג פון 60 מיליאָן זענען פאַרהאַן לערך 5,300,000 מאַנסלייט און 4 מיליאָן פרויען, וואָס זענען פעהיג צו אַרבייט, אינאיינעם איז דאָס 9,3000,000 נפשות, נאָר אַזוי ווי אינגאַנצען דאַרף מען האָבען 8,800,000 נפשות, וואָלט מען קאָנען איינטיי-לען אַלע יאָהר לערך 60 טויזענד מענער און פרויען, וואָס האָ-בען לגאָטעס (30 טויזענד מענער, דאָס איז אין 10 יאָהר--300,000 און 30 טויזענד פרויען, דאָס איז פאַר 7 יאָהר—210,000; אינ-איינעם איז דאָס 510,000). מיט די לגאָטעס וואָלטען זיך קאָנען בענוצען די פעהיגסטע מענשען, וועלכע וואָלטען האָבען די לוסט צו פערברענגען זייער אַרבייטס-דינסט אין ערלערנען פער-שיעדענע וויסענשאַפטען און קונסטען, כדי דערנאָך צו ברענגען נוצען דער גאַנצער געזעלשאַפט מיט זייערע אַרבייטען און זייער בילדונגס־טעטיגקייט.

מען וואָלט קאָנען חוץ דעם זעהר לייכט איינשטעלען אַזוי, אַז דער אַרבייטס-דינסט, וועלכער וועט פאָרקומען ביי די בעס-טע געזונדסטע בעדינגונגען, זאָל נישט זיין גלייך צום היינטיגען לעבען אין דער קאַזארמע; אַז עס זאָל געגעבען ווערען וואָס מעהר פרייהייט ביים אויסקלויבען זיך דעם סאָרט אַרבייט און אָרט פון דינסט, דערצעהלען געטוי וועגען יענע אַלע מיטלען, וואָס זענען נויטיג צוליעב דעם, וואָלט פערנומען צופיעל אָרט,

מען וואָלט דאַרפען אָנשרייבען צוליעב דעם אַ גאַנץ ביכעל. מיר ווילען נור בעמערקען, אַז די שווערסטע און מיאוס'טע אַרבייטען קענען האָבען בעשטימטע לגאַטעס (ווייניגער שעה אַרבייט אין טאָג, אָדער ווייניגער דינסט־יאָהרען א. אַ. וו.), דערפאַר וועלען זיך שטענדיג געפינען בעלנים אויף זיי. ווען אָדער עס וועלען זיך געפינען צו ווייניג, דעמאָלט קאָנען אויספיהרען די אַרבייט אַלע על פי גורל אָדער איינער נאָך דעם אַנדערן.

דאָס אַלץ איז אויסגערעכענט, ווי שוין געזאָגט, פאַר דייטש־לאַנד, וואו עס רעכענט זיך אַ בעפעלקערונג פון 60 מיליאָן. עס איז לייכט צו פערשטעהן, אַז די זאַך וועט נישט אַנדערש בשום אופן, ווען מיר זאָלען מאַכען דעם חשבון פאַר רוסלאַנד מיט איהר פיעל גרעסערער בעפעלקערונג אָדער פאַר אַ מלוכה מיט וועלכער עס איז צאָהל איינוואוינער, ווען נאָר איהר ווירטשאַפט איז גלייך צו דער ווירטשאַפט פון דער היינטיגער דייטשער מלוכה. אומעטום וועט זיין איינס און דאָסזעלבע. דורך אַ 10-יאָה-ריגען דינסט פון די מאַנסלייט און אַ 7-יאָהריגען דינסט פון די פרויען קאָנען אַלע דערגרייכען אין דער סאָציאַליסטישער ווירט-שאַפט צו הויכע בילדונג און פאָלקאָם פערזאָרגען זיך אויף דעם גאַנצען לעבען. אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועט איט-ליכער בירגער מיט פרייד דורכמאַכען זיין אַרבייטס-דינסט, וועל-כער ברענגט איהם פרייהייט, אונאָבהענגיגקייט און פאָלקאָמע חיונה בכבוד. אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלען נישט זיין קיין לעדיג-געהערס, וואָס טהוען גאָרנישט און לעבען אויפ'ן חשבון פון פרעמדער אַרבייט, עס וועלען אויך נישט זיין קיין אָרימע לייט, וואָס פערלירען זייערע כחות אין איבער-שווערע אַר־בייט. אַלע וועלען אַרבייטען, וויפיעל מען דאַרף, און עס וועט גענוג זיין פאַר אַלעמען עס וועט דעמאָלט נישט זיין אַזוי ווי איצט, אַז נעבען אַ מאַגאַזין, וואָס זיינע פאָליצעס ברעכען זיך פון קליידער און שוכוואַרג, געהען אָרום בּאָרוועס און נאַקעט, אָבגעריסען-אָבגעשליסען, דיזעלבע אַרבייטער, וואָס האָבען מיט זייערע אייגענע הענד אויפגעניי־הט די אַלע קליידער און שיך; עס וועט אייך נישט פּאָרקומען אַזוינס, וואָס קומט פאַר איצט בעשטענדיג: אין לאַנד איז אַ הונגער־נויט, און פונדעסטוועגען

פיהרען די סוחרים אַרויס תבואה קיין אויסלאַנד; טויזענדער מיליאָנען מענשען האָבען נישט קיין רעכטען בגד, און די הענדלער און פאַבריקאַנטען פון ציץ, לייוועגט און צייג קלאָגען זיך, אַז עס איז צופיעל צוגעגרייט סחורה, און מען קען זי ניט פערקויפען; אַז אין גאַנצע גובערניעס הערשט אַ הונגער-טיפוס, און די גרויסע לאַנד-ווירטשאַפטען פערקלענערען די צאָהל פון זייערע אַקער-פעלדער, פערלאָזען אַסך פעלדער פאַר לאָנקעס ווייל זיי טענה'ן, אַז דער פרייז פון תבואה איז קליין, זי ווערט וועניג געפאָדערט.

נאָכדעם ווי דער מענש וועט זיך בעפרייען פון דעם יאָך פון שקלאַפישער אַרבייט, וועט ער דאַמאָלס ערשט זיך בעטראַכטען ערנסט, אַז „לא על הלחם לבדו יחיה האָדם" (נישט מיט ברויט אַליין לעבט דער מענש), ערשט דאַמאָלס וועט אין אַלע מענשען העל אויפפלאַקערן דאָס שטרעבען צום וויסען, נור דאַמאָלס וועט דער מענש דערקענען די גאַנצע זיסקייט פון וויסענשאַפט, וואו דעם מענשענס שכל פערטיעפט זיך אין אַלע שאַפונגען פון דער נאַטור, דרינגט אַריין אין אַלע איהרע סודות און האָט הנאה פון דעם זין, וועלכען ער געפינט אין אַלצדינג, וואָס איז אַרום איהם; נור דאַמאָלס וועט דער מענש אָנהויבען טיעף צו פיהלען די גאַנצע מאַיעסטעט פון דער שענקייט (הוד שביופי), ער וועט זיך אויסלערנען צו פערשטעהן, צו שעצען און צו געפינען זי אומעטום—אין דעם שטערן-הימעל און אין די באַרגשפיצען, אין דעם ים אָהן אַ ברעג, אין דעם העלען גרינס פון די פעלדער און לאָנקעס און אין די טיפענישען פון דעם מענשענס האַרצען. אָבריינינענדיג זיך פון אַלע קלייניגקע, ענגע מחשבות, וואָס זענען אַרויסגערופען פון שאַכערמאַכעריי, פון דעם קאַמף פאַר'ן לעבען, וועט די מענשליכע נשמה ניי אויפגעלעבט ווערען. זי וועט זיך אויסגלייכען און ווערען פיינ-פיהלענד בנוגע צום נשמה-לעבען פון דעם אַנדערן, ווייל זי וועט זעהן אין איהרסגלייכען נישט קיין פיינד, פאַר וועלכען מען מוז זיך שטענדיג בעוואָרענען, נור פריינד און מיטאַרבייטער, וואָס מיט זיי איז אָנגענעהם צו אַרבייטען פאַר דאָס אַלגעמיינע גליק.

23) „דער וועג צום סאָציאַליזם" פֿון אָטטאָ בויער. פרייז 4 מאַרק.

24) „ב. באָראָכאָוו" ביאָגראַפֿישער עטיוד מיט 5 פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער. פֿון ז ר ב ב ל. פרייז 15 מאַרק.

25) „קאָאָפּעראַציע און סאָציאַליזם" פֿון מ. יאַרבלום. פרייז 4 מאַר

26) „דער אָנהייב פֿון קאַפּיטאַליזם ביי די יודען אין מערב-אייראָפּע". פֿון ד"ר יצחק שיפּער. פרייז מאַרק.

אָפּטיילונג פּאָסט-קאַרטען און בילדער.

1) „מאַרקס", 2) „באָראָכאָוו", 3) „העס", 4) „זשיטלאָווסקי", 5) „ראָזענפעלד", 6) „שורעק"

a) פּאָסטקאַרטען פּר. 25 פֿ. b) גרויסע בילדער אָן פּאָספּאַרטורען פּר. 6 מ.

דורך אונז קען מען אויך בעציען אַלע אָרגאַנען פֿון אונזערע ברודער-פּאַרטייען אין אויסלאַנד ווי „קונטרס", „האדמה" פֿון ארץ ישראל; „די צייט" און „יונגער יודישער קעמפֿער" פֿון אמעריקע; „נייע צייט" פֿון ארגענטינע; „אונזער וועג" פֿון יאָהאַניסבורג (דרום אַפֿ-ריקע); „פֿרייע טריבונע" (אין דייטש) פֿון וויען; „יודישער סאָציאַליסט" (אין דייטש) פֿון ברין (טשעכאָסלאָוואַקען); „פֿרייע יוגענט" (דייטש) פֿון פּראָג; „די פֿרייהייט" פֿון טשערנאָוויטש אין בוקאָווינע און פֿון אַנדערע לענדער.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען:

Wyd. „Arbeiterheim", Warszawa, Karmelicka 15, Skrzynka pocztowa 9.

Wydawnictwo „MŁOT", Warszawa.

Warszawa, Karmelicka 15, Telefon 256-46.

1) Interesy klasowe a kwestja narodowa, B. Borochowa. Cena 3 Mk.
2) Platforma wyborcza do zarządu gminy żyd. wydana przez Żyd. S. D. Rob. Komitet wyb. („Poale-Syon"). Cena 75 f.
3) Program żydowskiej Socjalno-Demokr. Partji Robotniczej („Poale-Syon"). Cena 1.25 f.
4) Czego wymaga Żyd. Soc.-Dem. partja robotn. („Poale-Syon") od zarządów miejskich? Cena 50 f
5) Oświadczenie delegacji wszechświatowego Żydowskiego Socjalistycznego związku rob. („Poale-Syon") do Holendersko-Skandynawskiego Komitetu Socjal. w Sztokholmie. Cena 1.85 f.

Z zamówieniami zwracać się p. a.:

Wydawnictwo „A r b e i t e r h e i m", Warszawa.

Karmelicka 15, Skrzynka pocz' № 9.

אַבאָנירט, קויפט און פאַרשפּרייט
די יודישע אַרבייטער-פּרעסע!

1) נייע אַרבייטער צייטונג.

צענטראַל=אָרגאַן פון דער י. ס. ד. אַ. פּ. („פּועלי=ציון") אין פּוילען
ערשיינט יעדען דינסטאַג און פרייטאַג.
אַבאָנאַמענטס=פּרייז 7 מ. אַ חודש, איינצ. פּערק. דינסטאַג 75 פּ. פרייטאַג 1 מק.
אַדרעס: Wyd. „Arbeiterheim", Warszawa, Karmelicka 15.

2) „MYŚL SOCJALISTYCZNA"

Organ Żyd. Soc.-Dem. Partji Robotn. („Poale-Syon")
w Polsce. pismo dwutygodniowe.
Adr.: Wyd. „Arbeiterheim", Warszawa, Karmelicka 15.

3) דער יודישער אַרבייטער.

אָרגאַן פון דער י. ס. ד. אַ. פּ. („פּועלי=ציון") פאַר מזרח=גאַליציען.
ערשיינט אין לעמבערג יעדען פרייטאַג אין גרויסען צייטונגס=פאָרמאַט.
אַבאָנאַמענטס=פּרייז: פערטיל יאָהר 12 קראָן איינצ. נומ. 1.20 קר.
אַדרעס: Lwów, Bernstejna 17.

4) „פרייע יוגענט".

אָרגאַן פונ'ם פערבאַנד פון דער י. ס. ד. אַרבייטער=יוגענד אין פּוילען.
ערשיינט יעדען 1=טען און 15=טען פון חודש.
פּרייז אין איינצ. פערקויף 1 מאַרק.
אַדרעס: Warszawa, wyd „Arbeiterheim", Skrz. poczt. 9.

5) פּראָפעסיאָנעלע וועלט.

צווייִ=וועכענטליכער אָרגאַן פון דער פּראָפעסיאָנעלער בעוועגונג אין פּוילען.
אַבאָנאַמענטס=פּרייז: אַ פערטיל יאָהר 5.00 מאַרק איינצ. פערקויף 1 מק.
אַדרעס: Warszawa, wyd. „Arbeiterheim", Skrz. poczt. 9.

6) „דער האַנדעלס-אָנגעשטעלטער".

אָרגאַן פאַר דער פּראָפ. בעוועגונג פון די האַנד.=אָנג. אין פּוילען. ערשיינט
2 מאָל אין חודש. אַבאָנ.=פּרייז: אַ פירטעל יאָר 5.00 מ. איינצ. פאַרקויף 1 מק.
אַדרעס: Warszawa, „Der H.-Ongesztelter", Nowolipki 38.